STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11303

DI BROKHE FUN SHEYNKAYT

Shlomo Bickel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

S. 14

שלמה ביקל / די ברכה פֿון שיינקייט

שלמה ביקל

די ברכה פֿון שיינקייט

עסייען וועגן אַבֿרהם סוצקעווער

פֿאַרלאַג המנורה
תל=אָבֿיבֿ 1969

שלמה ביקל • די ברכה פֿון שיינקייט

עסייען וועגן אַבֿרהם סוצקעווער

פֿאַרלאַג ״המנורה״ • תּל־אָבֿיבֿ • ישׂראל

SHLOMO BICKEL

DI BROKHE FUN SHEYNKAYT

Essays about Abraham Sutzkever

Published by "Hamenora"
24 Zangwil str. Tel-Aviv, Israel
Printed in Israel 1969 נדפס בישׂראל

דפוס ״אַרזי״ • תּל־אָביב

ערשטע באַגעגעניש

ערשטע באַגעגעניש

ווי אַ הקדמה צו די צונויפגעזאַמלטע עסייען וועגן אַבֿרהם סוצקעווערס לידער וועט, גלייב איך, פּאַסיק זײַן אַ דערמאָנונג וועגן מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט דעם יונגן, דעמאָלט צווײ־און־צוואַנציק־יאָריקן דיכטער אין ווילנע. עס וועט פּאַסיק זײַן, ווײַל אין מײַן דאָזיקער דערמאָנונג לעבן אויף סוצקעווערס ערשטע, אויב ניט די סאַמע ערשטע, פּאָעטישע שריט צום היכל פֿון דער ייִדיש־דיכטונג. און די דערמאָנונג וועט אויך אַזוי אַרום ערגעץ ווו זײַן אַ מין פֿאַרויספֿילונג און דערגאַנצונג צו מײַנע דערנאָכיקע עסייען וועגן זײַנע ביכער.

ס'איז געווען אין חודש דעצעמבער 1935. איך האָב דעמאָלט באַזוכט צום ערשטן (און לעצטן) מאָל ירושלים־דליטא. ווי גליק־לעך בין איך, וואָס איך האָב ניט פֿאַרשפּעטיקט אויפֿצונעמען אין מיר דאָס לעבעדיקע בילד פֿון דער ייִדישער ווילנע און קאָן מיך, לפֿי כּוחותי, וואַרעמען בײַ דער דאָזיקער לעבעדיקייט איצט, נאָכן חורבן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט די זכיה, אַז נאָך מײַנער אַ לעקציע אין איינעם פֿון די ייִדישע זאַלן אין שטאָט זאָלן אויפֿטרעטן די פּאָעטן פֿון יונג־ווילנע און לייענען זייערע לידער. צווישן די פּאָעטן איז אויך געווען אַבֿרהם סוצקעווער. איך געדענק גוט זײַן געשטאַלט: אַ מיטלוווקסיקער, אַ דינער, מיט ברילן און — הײַנט ווייס איך, אַז — זײַן פּנים האָט געשײַנט מיטן "ליכט פֿון די וועגן צעהעלט".

אַבֿרהם סוצקעווער איז געווען דער ייִנגסטער פֿון דער פּאָעטישער חבֿרותא און האָט, דאַכט מיר, געלייענט זײַן ליד שטילער און מיט מער שעמעוודיקייט ווי די אַנדערע. אָבער עפּעס האָט זיך אין דער שטילקייט און שעמעוודיקייט פֿון דעם דאָזיקן בלוט־יונגן בחור געלאָזט הערן ניט נאָר זיכערער גאַנג צום טויער פֿון היכל־השירה, נאָר אויך דרייסטער און געוואַגטער שפּאַן צום סאַמע מיזרח פֿון דעם היכל.

אַזוי האָב איך געפֿילט און אַזוי האָב איך דערציילט מײַנע חבֿרים

אין בוקאַרעשט וועגן דעם נס סוצקעווער, וואָס האָט זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אין ווילנע. און אַז מײַן געפֿיל איז דעמאָלט געווען אי באַרעכטיקט און טאַקע אַזאַ, ווייס איך דערפֿון, וואָס עד־היום געדענק איך צוויי פֿערזן פֿון סוצקעווערס אַ גאָר יונגן ליד, דהיינו:

לערן זיך בײַ ביימער העלן מוט.
בייג זיך ניט פֿאַר יעדן ליליפּוט.

ס׳וואָלט געווען צו פֿיל פֿאַרלאַנגט, אַז איך זאָל הײַנט קאָנען זאָגן, צי די דאָזיקע שטאָלצע פֿערזן פֿון דעם יונגן דיכטער שטאַמען טאַקע פֿון אַ ליד, וואָס ער האָט בײַ יענעם אָוונט געלייענט, אָדער זיי זענען שטעקן געבליבן אין מײַן געדעכעניש בײַם לייענען דעם דיכטערס ערשט בוך לידער צוויי יאָר שפּעטער. ווי עס זאָל ניט זײַן, זאָגן די ציטירטע צוויי שורות, וואָס בלאָנ־דזשען אַרום אין מײַן זכּרון, עדותשאַפֿט אויף מײַן דעמאָלטיקער שטימונג און אויף איר באַרעכטיקונג.
און איך געדענק, אַז נאָך מײַן אומקער קיין בוקאַרעשט האָב איך דערציילט די חבֿרים־שרײַבערס וועגן ווילנע און זיי איבער־געגעבן מײַן אײַנדרוק וועגן די יונגע פּאָעטן. וועגן סוצקעווערן האָב איך געזאָגט (אַזוי שטייט פֿאַרצייכנט אין מײַנס אַ טאָגבוך) אַז "אַ פֿרוכטיקביימל איז ער, אַ פֿרוכטיק ביימל בײַ אַ קוואַל" (בן פורת, בן פורת עלי עין). ווען מיר האָבן אין זומער 1937 באַקומען זײַן ערשטלינג "לידער", האָט בײַ אַ מסיבה עמעצער פֿון די חבֿרים — מיר דאַכט אַז דער דערציילער און עסייִסט משה אַלטמאַן וואָס האָט געהאַט מעיין געווען אין די לידער — אַ נעם געטאָן דאָס דינע בוך פֿון קנאַפּע הונדערט זײַטן אין האַנט אַרײַן און עס געבלעטערט און געלייענט:

אָט בין איך דאָך, אַן אויפֿגעבליטער אין מײַן גאַנצער גרייס,
פֿאַרשטאָכן מיט געזאַנגען ווי מיט פֿײַערדיקע בינען —

און געזאָגט בקול־רם: איר זענט גערעכט, ביקל, אַ פֿרוכטיק ביימל דער סוצקעווער. ער וואַקסט אַ גרויסער בוים, ער וואַקסט אַ פּאָעטישער גדול.
אין דער דיכטונג, ווי אין יעדער דמיון־שעפֿערישקייט איז ניטאָ קיין מוקדם ומאוחר, ניטאָ קיין פֿריִער און שפּעטער אין צײַט. אַזוי האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט וועגן דער תּורת אמת, וועגן דעם בוך פֿון אונדזער גרויסן קינסטלערישן און מאָראַלישן אמת.

און דער ייִנגסטער פֿון אונדזערע גדולי־השירה, אַבֿרהם סוצקעווער, האָט דעם דאָזיקן געדאַנק פֿאָרמולירט אין דעם ענטפֿער בײַם יום־טובֿ פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט צו זײַנע פֿופֿציק יאָר, לאמור: „אַנשטאָט די בלײַענע צײַט, וואָס ניט איך האָב זי באַשאַפֿן, חלום איך אויס אַ גאָר אַנדערע, אַ ריין פּאָעטישע צײַט, ווו ווערטער פֿאַרגייען ניט און בלײַבן אייביק יונג".

און ווען איך האָב דאָס דאָזיקע בחורל פֿון מיט דרײַסיק יאָר צוריק אין ווילנע דערזען פֿאַר מיר אין תּל־אָבֿיבֿ און דערנאָך אין ניו־יאָרק בײַ יום־טובֿים לכּבֿוד אים אין דער ייִדישער קול־טורוועלט און בײַ אַן אויפֿנעם אין ייִוואָ, ווו ער האָט אַ חלק ניט בלויז מיט זײַן פּאָעטישן ווערק, נאָר אויך מיט זײַן מסירות־נפֿשדיקער ראַטונעק־אַרבעט פֿון ייִדישע ספֿרים און שמות — ווען איך זע אים איצט און זע הינטער אים הויערן, וואָס זאָג איך הויערן, ברויזן עטלעכע און פֿופֿציק יאָר לעבן און צווישן זיי יאָרן פֿון געטאָ, יאָרן פֿון פּאַרטיזאַנישער גבֿורה אין די ליטווישע וועלדער, און אין אַלע די יאָרן אַזאַ שפֿע מיט לידער, וואָס האָבן דערהייבן די אַלע איבערלעבענישן אין געטאָ, אין וואַלד און אין „געהיימשטאָט" צו די הייכן פֿון די שענסטע בלעטער דיכטונג, וואָס מאַמע ייִדיש האָט פֿון זיך אַרויסגעזונגען אין משך פֿון די קנאַפּע זעקס הונדערט יאָר פֿון איר ליטעראַרישער שעפֿערישקייט — ווען איך זע דעם גרויסאַרטיקן דיכטער, דעם באַלאָדענעם מיט אַזוי פֿיל שעפֿערישן כּל־טובֿ, רײַסט זיך פֿון מיר אַ געזאַנג פֿון לויב צו דער השגחה, אַ געזאַנג פֿון על־הניסים פֿאַר דער גנאָד, וואָס זי האָט אונדז געטאָן דערמיט, וואָס זי האָט געגעבן כּוח צו וואַקסן און אויסצוּוואַקסן דעם פּאָעטישן בוים מיט העלן מוט און האָט ניט דערלאָזט, אַז די ליליפּוטן, די תּלינים זאָלן אים אונטער־האַקן.

און עס רײַסט זיך פֿון מיר אַ געזאַנג פֿון ליבשאַפֿט צום דיכטער, וואָס האָט געהאַט דעם כּוח און די זכיה דורכצוגיין די שיבֿעה־מדורי־גיהנום און אונדז צו ברענגען די אומפֿאַרמינערטע מתּנה: זיך און זײַן ווערק.

שלום אַש האָט געשריבן וועגן סוצקעווערס „געהיימשטאָט", אַז ער האָט מורא פֿאַר דעם בוך. אַ דין בוך — האָט אַש געשריבן — און אַ לייב הויערט צווישן זײַנע בלעטער.

מיר דאַכט, אַז שלום אַש האָט מיט זײַנע ווערטער געטראָפֿן אין פּינטל.

אַזאַ מאַגישע עשירות פֿון פֿאַרב און קלאַנג אין סוצקעווערס פּאָעטישער שפּראַך, אַזאַ מײַסטעריש געצוימטער פֿערז און אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע באַהערשונג פֿון דער עמאָציע אין פּאָעטישן בילד, און פֿון אָט דער געמאָסטנקייט און שלווה — אַ לייב קוקט אַרויס, אַ גבֿורהדיקער באַשיצער פֿון ייִדישן וואָרט און אַ שטאָלצער אָנזאָג פֿון אומפּאַרטײַיקייט צו אַלע שׂונאים פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿון זײַן שעפֿערישקייט.

אָדע צו דער טויב

ס׳איז הײַנט אפשר ניט אין דער מאָדע צו כאַראַקטעריזירן דאָס געמיט פֿון פּאָעטן אין די טערמינען פֿון העלעניזם און העברעיִזם. דאָס לעצטע מאָל האָט, דאַכט זיך, די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע שקלאַ־ וטריאַש געברויזט אין אונדזער צווייִשפּראַכיקער ליטעראַטור־ קריטיק אַרום דעם דיכטער שאול טשערניכאָווסקי.

אויף וויפֿל איך געדענק, האָט דער ערשטער געפּסקנט יוסף קלויזנער, און נאָך אים זענען אַנדערע נאָכגעקומען מיט זייער פּסק, אַז דער מחבר פֿון "לפֿני פּסל אַפּולו" (פֿאַר דער סטאַטוע פֿון אַפּאָלאָ) איז לויט זײַן פּאָעטישן געמיט ניט ייִדיש, נאָר העלעניש.

בײַ טשערניכאָווסקין ליגט זײַן גריכיש געמיט פֿון אויבנאויף. עס גיט זיך צו דערקענען שוין אין דער טעמאַטיק פֿון אַ גרויסן טייל פֿון טשערניכאָווסקיס לידער.

אין אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעטישן ווערק "אָדע צו דער טויב", צו וועלכן עס איז פּאַסיק, ווי איך גלייב, אָנצווענדן דעם טערמין העלעניזם, קומט דאָס גריכישע געמיט צום אויסדרוק אין דער אָדע, כ׳מיין: אין דעם שטענדיקן שיר־השירים צו דער שיינקייט. ס׳איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אונטערן כּישוף פֿון סוצקעווערס פֿערז ניט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין כּולו יופֿי, דורכויסיקער שיינקייט:

> וועלט. וואָס איז וועלט? בלויז איר ניגון איז כוואַליק און
> וואַלדיק און וועלטיק,
> יאָמערט איר געטלעכער ניגון אין אָדערן מײַנע: געוועלטיק!

און ער געוועלטיקט, סוצקעווער, מיט באַרוישנדיקע בילדער פֿון שיינקייט אויף דעמאָלט, ווען דער שוידער פֿון רציחה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונדזער ייִדישער וועלט. דער שוידער גייט אויף אין סוצקעווערס געמיט ניט אַזוי מיטן פּאַטאָס פֿון מאָראַל, ווי מיט דער גראַנדיעזקייט פֿון מיטאָלאָגישע בילדער.

ווי גרויליק עס זאָל ניט זײַן דער סיפּור־המעשה פֿון "אַ לוויה אין רעגן" (איינס פֿון זײַנע לידער אין פּראָזע, וואָס דער דיכטער רופֿט זיי מיטן שם־הכּולל "גרינער אַקוואַריום" און קוואַליפֿיצירט

זיי ווי "קורצע באַשרײַבונגען"), ווערט דער גרויל ערגעץ ווו פֿאַרטרונקען אין דער תּהומיקער שיינקייט פֿון דער רעגן־מיטאָלאָגיע און פֿון דער הימליש־ליכטיקער שיינקייט פֿון דעם טויטן ייִנגל, וואָס איז אין תּוך ניט עפּעס אַנדערש ווי דער "פּסל אַפּולו".
דעם מיטאָס פֿון דעם רעגן דערציילט אונדז סוצקעווער אַזוי:

> אַ הימלישער כּישוף־מאַכער האָט צעשמאָלצן די צײַט! נעכטן, הײַנט, מאָרגן — ניטאָ. ניטאָ. דער פֿרילינג פֿון אָדם הראשון און דער ווינטער פֿון אָדם האַחרון זענען צעשמאָלצן אין אַ ריזיקן קעסל, וואָס איז אויסגעשמידט פֿון וואָלקנס. דער קעסל האָט געפּלאַצט און די צעגאַנגענע צײַט מבולט אַכזריותדיק איבער דער ערד, און באַלד־באַלד וועט זי פֿאַרשלינגען דעם גייער מיט זײַן שווערן זאַק אויף דער פּלייצע.

שטעלט מען אַוועק אַנשטאָט דעם "הימלישן כּישוף־מאַכער", צעוסן, דעם צאָרנדיקן גאָט פֿונעם אָלימפּ, און עס שטייט פֿאַר אונדז אַ בילד פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע — פּרעכטיק, גראַנדיעז און גורלדיק פֿינצטער.
און דאָס טויטע ייִנגל, ווידער, וואָס אין גייערס "שווערן זאַק אויף דער פּלייצע" — אים זעט דער דיכטער אין פֿולער שיינקייט, ווי "אַ צעבראָכענע סקולפּטור פֿון בלאָען דורכזעיִקן מאַרמאָר, די האָר — אַ לאָרבערקראַנץ פֿאַרפֿלאָכטן אַרום דעם שטערן".
ווײַזט אויס, אַז ניט בלויז די מאָראַל, נאָר אויך די שיינקייט האָט זיך איר באַרג גריזים און איר באַרג עיבל, כ'מיין: דעם באַרג פֿון ברכה און דעם באַרג פֿון קללה.
אַ קללה ווערט די שיינקייט, ווײַל זי גיסט איר ליכטיקייט אויך אויפֿן תּלין און אויף דער אַכזריות פֿון זײַנע מעשׂים. און אַ ברכה איז זי — ווײַל זי וויאַנעט ניט אויפֿן קאָפּ פֿון קרבן און מאַכט זײַן אומשולדיקייט "בליִען ווי אַ טייטלבוים" און ברענט אַרום דעם קרבן מיט אַלע פֿאַרבן פֿון גאָטס פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, ניט מעטאַפֿאָריש, נאָר טאַקע ממשותדיק, גופֿיש.
אָט איז די פּלאַסטישע אומברחמנותדיקע שייִנקייט פֿון דעם שטאַרבנ־דיקן אָקס, וואָס אַנטלויפֿט פֿון פֿלאַמענדיקן שטאַל מיט "ברענענדיקע הערנער, צוויי אויסגעקרימטע וואַקסענע ליכט", שטורעמט אַרײַן ביז די קני אין דער אָזערע, און ווען ער דערזעט דאָרט אין וואַסער מיט זײַנע "פֿאַרטאָפּלטע עליפּסענע אויגן, ווי צונויפֿגעשמאָלצן גלאָז פֿון אַ סך קאָלירן" נאָך אַן אָקס, אַ קאַפּויערדיקן, מיט די ברענענ־

דיקע הערנער אַראָפּ — "נעמט זיך קנייטשן אויף זײַן פּנים אַ מענטשלעכער שמייכל".

דער אָקסישער זונפאַרגאַנג מיט דעם קנייטש פון מענטשלעכן שמייכל אויפן פּנים, ווי גרויזאַם־טראַגיש ס'זאָל ניט זײַן דאָס ליכט פון שיינקייט איבערן קרבן — איז די היים פון דעם דאָזיקן ליכט דער באַרג גריזים, דער באַרג פון ברכה.

און די קורצע באַשרײַבונג, וואָס סוצקעווער רופט זי מיטן נאָמען "באָמקע", איז טאַקע פול מיט אַכזריותדיקן שוידער, אָבער זי ווערט אין דעם דיכטערס פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין אַ מעשהלע פונעם באַרג פון ברכה. אָט די קורצע באַשרײַבונג וועגן באָמקען שטאַמט פונעם ברכה־באַרג ניט מיט איר פאַבולע, נאָר מיט דעם ריטעם פון איר צער־געזאַנג און דערעיקרשט מיט דעם בילד, וואָס דאָמינירט איבער אַלע אימאַזשן אין דער באַשרײַבונג — דאָס בילד פון בלימעלען אויף דער תּליה:

> ווי אַ פרילינג־בלימעלע צאַפּלט זי אין דער יום־טובֿדיקער בלאָקייט, און איבער איר — שוואַלבן. צוויטשערדיקע שוואַלבן.

אין צוויי פון די מעשהלעך אפשר די שענסטע (אויב מען זאָל דווקא מוזן האָבן אַ סופּערלאַטיוו צו שיינקייט, און שיין אַליין זאָל ניט זײַן געװנוג), רײַסט זיך דורך אַ מאָראַלישער מוסר־השׂכּל.

די באַשרײַבונג וועגן "דאָס קעסטעלע פון פּימסנהאָלץ", אין וועלכער די געשטאַלטן און די סיטואַציעס זענען געצייכנט מיט באַזונדערס דינע, לײַכטשוועביקע און דערבײַ גראָטעסק־טראַגישע ליניעס, און דערנאָך די מעשה "הינטערן גאָלדענעם שלייער", פאַרענדיקן זיך מיט בילדער, וואָס זענען פאַרשטענדלעך פאַר אַלע ליבהאָבערס פון פאַרשטענדלעכקייט (איך נעם זיך אַליין, חלילה, ניט אַרויס פון דעם דאָזיקן כּלל פון ליבהאָבערס) און קלערן מיט זייער סימבאָליק ממש אַראָפּ אַ שטיין פון ייִאוש פון האַרצן.

אָבער פאַראַן זעלטן, דאַכט מיר, אַ ייִדיש פּאָעטיש ווערק, וואָס ס'זאָל זיך צו אים אַזוי ווייניק פּאַסן די מאָס פון פאַרשטענדלעך אָדער אומפאַרשטענדלעך, ווי צו אָ. סוצקעווערס "אָדע צו דער טויב". עס פּאַסט זיך ניט די דאָזיקע מאָס, ווײַל מער ווי אין יעדן אַנדערן בוך זײַנעם רעדט צו אונדז סוצקעווער אין זײַן "אָדע צו דער טויב" דורך דער פּלאַסטישקייט פון זײַנע בילדער און באַווירקט אונדז מיט די קאָלירן פון זײַנע ווערטער.

עס געשעט מיט סוצקעווערס לידער אַזוי ווי ער אַליין סוגעסטירט עס אין ליד "די קונסט פֿון טאַטוּירן", וואָס אין דער סעריע "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט":

אַ בלינדער פֿרוי, מע האָט געמוזט זי פֿירן,
האָב איך אויסגעטאַטוּירט אַ קינד.
און מיט אַ מאָל: — די מאַגיע פֿון קאָלירן! —
ס'איז די בלינד־געבוירענע ניט בלינד.

די מאַגיק פֿון די וואָרטקאָלירן און די רײַכע מוזיקאַלישע ניואַנסירט־קייט פֿון די פֿערזן מאַכן פֿאַרשטענדלעך און באַזינען די צען לידער פֿון דער פּאָעמע "אָדע צו דער טויב", וואָס זענען געזאַנג־וואַריאַציעס אויף דעם מאָטיוו פֿון דעם דיכטערס מוזע צו זײַנע פֿערציק יאָר.
ניט "מיט אַ רעגן טערצינען האָט דאָ זיך אַ שפּיל געטאָן דאַנטע", נאָר דער ייִדיש־פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער האָט מיט קוואַטרינען (פֿיר־שורותדיקע סטראָפֿעס) אַרויסגעצויבערט זײַנע פֿיר צענדליק יאָר פֿון דעם מידבר פֿון זײַנע אייגענע און פֿון אונדזער גאַנצן דורס שווערע איבערלעבענישן, און די יאָרן:

— — — אַ בלאָז און זיי שפּילן אַנטקעגן.
זאַנגען מיט קינדערשע אויגן באַוועגן זיך אונטער די דיונעס.
תּחית־המתים פֿון זאַנגען, און אויבן — אַ וואָלקן מיט סטרונעס!

וואָס איז דער באַגלייט־מאָטיוו פֿון סוצקעווערס געזאַנג־וואַריאַציעס צו זײַן מוזע? דער באַגלייט־מאָטיוו, ווי איך באַנעם אים, איז דאָס אַלטע פּאָעטישע וואָרט וועגן דעם לעבן, וואָס איז קורץ, און וועגן דער קונסט, וואָס איז לאַנג.
אין סוצקעווערס דיכטערישער פֿאָרמולירונג הייסט דאָס:

העי, איר פּאָעטן, פּאָעטן, אָן אײַך איז דאָס לעבן אַ דרעמל,
ס'וואָלט דאָך שוין לאַנג אָן פּאָעזיע געקניט פֿאַרן טויט
ווי אַ קעמל.

— —

בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל, אַ נעסט בויט די טויב
אין דײַן חומר,
בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר, איז אייביק
דאָס פּנים פֿון טרוימער.

און דערפֿאַר בעט זיך דער פּאָעט ביי זיין מוזע:

— טייבעלע, קינד פֿון דער קינדהייט, גיב לשון די ליפּן,
גיב לשון,
הער דאָס געוויין פֿון די קלאַנגען, אַניט איז אַ חלום פֿאַרלאָשן...

איך האָב אויסגעקליבן אָט־די זעקס פֿערזן פֿון סוף ליד זיבן און פֿון אָנהייב ליד דריי און צוויי ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי פֿאָרמולירן אַזוי פּאָעטיש־פּרעציז דעם געדאַנק וועגן קורצן לעבן און וועגן דער לאַנגער קונסט. אַזאַ געדאַנקלעכע פּרעציזקייט אין שייכות מיט דעם זעלבן מאָטיוו קאָן מען געפֿינען אין אַ שפּאָר ביסל אַנדערע פֿערזן פֿון סוצקעווערס צען־לידערדיקער "אָדע צו דער טויב".

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די זעקס פֿערזן צוליב די גראַמען, וואָס זענען אין אָט־די פֿערזן בולט מיט זייער באַזונדערער אויפֿטוערישקייט, שיינקייט און געראָטנקייט.

דאָס לעבן אַ דרעמל, וואָס קניט פֿאַרן טויט ווי אַ קעמל איז ניט סתּם אַ דרויסנדיקע פֿאָרונג פֿון קלאַנגען. עס איז אַן אינע־ווייניקסטע שייכות צווישן די וואָרטבילדער, וואָס באַהעפֿט זיי אין גראַמען. דאָס זעלביקע איז דער פֿאַל מיט גיב לשון און חלום פֿאַרלאָשן, און אַוודאי איז עס אַזוי מיט דער נעסט, וואָס די מוזע־טויב בויט אין דעם חומר און מאַכט אייביק דאָס פּנים פֿון טרוימער.

דאָס זענען ניט סתּם ווירטואָז געשאַפֿענע גראַמען. דאָס זענען ווערטער־זיווגים, וואָס זייער גראַם איז אויסגערופֿן געוואָרן "פֿערציק טעג איידער זיי זענען געבוירן געוואָרן". אויב עס איז אמת, וואָס היינע האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז די קריטעריע פֿון ליד איז די אורשפּרינגלעכקייט, איז דאָס ניט ווייניקער וואָר וועגן דער קריטעריע פֿון גראַם. דער אמתער גראַם איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ סאַמע לכתּחילהדיקע באַגעגעניש פֿון ווערטער העט אין די אינגעווייד־טיפֿענישן פֿון דער שפּראַך:

פּערל און פּערל און פּערל, מיט ימיקע רוישן געהיימע,
רעגענען שוין פֿון די ליפּן, ס'באַפֿאַלט מיך אַ פּערלנע אימה.

עס זענען פֿאַראַן ווערטער, וואָס זייער שלום־בית פֿון באַהעפֿטונג איז איין שטיק גרויסער יום־טוב, איין שטיק מוזיקאַלישע און בילדערישע האַרמאָניע. די דאָזיקע האַרמאָניע סוגעסטירט ליכט און

דערהויבנקייט און — יאָגט אָן מיט איר שלמות אויך אָן אימה.
בײַ סוצקעווערן אין זײַנע לידער און דערעיקרשט, דאַכט זיך, אין זײַן בוך "אָדע צו דער טויב", איז פֿאַראַן אַ סך מאָל אַזאַ ווירטואָזע פּערפֿעקטקייט פֿון פֿערז און זייער אַ סך מאָל אַזאַ אַנפּעלערדיקע פּלאַסטישקייט פֿון בילד און אַזאַ מאַגישער צויבער פֿון פֿאַרב און קלאַנג, וואָס פֿאַרשאַפֿט די גרעסטע קינסטלערישע הנאה, אָבער וואַרפֿט אויך אָן אַן אימה.

די אימה נעמט זיך בײַם קונסטגעניסער מן־הסתם דערפֿון, וואָס ווירטואָזע פֿאָרעם־שלמות אין דער קונסט, ווי אין דער נאַטור, פּראָדוצירט ניט תמיד בײַם לייענער, בײַם צוקוקער און באַוווּנ־דערער יענע הויכע נשמה־טעמפּעראַטור, וואָס איז נייטיק אָפּצושאַפֿן די דיסטאַנץ פֿון כּולו באַוווּנדערונג צווישן דעם דיכטערס ווערק און זײַן געניסער און צו שאַפֿן די אַטמאָספֿער, אויב ניט פֿון היימישקייט, איז פֿון נאָענטשאַפֿט.

אין די קורצע באַשרײַבונגען פֿונעם "גרינער אַקוואַריום" איז סוצקעווערס שפּראַך קרישטאָליק־שיין און גליט מיט אַן אינע־ווייניקסטן גלי — אי טונקל און אי העל צו דער זעלבער צײַט. די בילדער זענען באַרוישנדיק, פֿאַנטאַסטיש, קיין מאָל ניט ביזאַר און אַלע מאָל לײַכטשוועביק און פֿול מיט שוווּנג.

אין דער פּאָעמע "אָדע צו דער טויב" איז פֿאַראַן סוווערענע ווירטואָזיטעט פֿון פֿערז און עכטע שעפֿערישקייט פֿון גראַם.

אָבער אין דער סעריע פֿון די צוויי און פֿערציק פֿרײַפֿערזיקע לידער "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט", וואָס שטאַמען פֿון סוצקעווערס אַ נסיעה איבער אַפֿריקע, דערפֿילט דער לייענער יענע נשמה־וואַרעמ־קייט, וואָס מאַכט די קונסט אפֿשר ניט גרעסער, אָבער דערפֿאַר נענטער, אייגענער.

די מאָטיוון פֿון די לידער זענען אַפֿריקאַנער פֿאָלקלאָר־מאָטיוון, אָבער די מוזיק פֿון די לידער איז די אינטענסיווע בריִענדיקע מוזיק פֿון ייִדיש, צי עס גייט וועגן דעם אָאַזיס ווו די "ביימער זעען אויס באַבלעטערטע חלומות", אָדער וועגן דעם מיטאָס פֿון "אין אָנהייב איז געווען אַ שוואַרצער העלפֿאַנד", אָדער וועגן דער הבל־הבלים־פֿילאָסאָפֿיע פֿונעם קעניג אין "דער שוואַרצער קעניג":

— נעמט מײַן קרוין
און טוט זי אָן דער פֿעלדמויז,
ווײַל צו איר געהערט מײַן לײַב.

אַלע מאָל איז סוצקעווערס ייִדיש־פֿערז אַזאַ רײַכער מוזיקאַלישער אָרקעסטער, וואָס ווי שיין עס זאָלן ניט זײַן די ווערטער, איז דער קלאַנג און דער ניגון פֿון די אינסטרומענטן נאָך וווּנדער־לעכער און נאָך פֿאַרכאַפּנדיקער.

אין מידבר סיני

האָט געזאָגט ר׳ אבהו אין נאָמען פֿון ר׳ יוחנן: ״ווײַל גאָט ברוך־הוא האָט זיך באַוויזן צו די ייִדן ווי אַ גיבור, אַ קריגער אויפֿן ים און ווי אַ סופֿר, אַ תּורה־לערנער אויפֿן באַרג סיני; ווײַל ער האָט זיך צו זיי באַוויזן ווי אַ יונגלינג אין די צײַטן פֿון שלמה און ווי אַ זקן פֿול מיט רחמים אין די צײַטן פֿון דניאל, דערפֿאַר האָט גאָט ברוך־הוא צו זיי געזאָגט: איר זעט מיך אין אַ סך געשטאַלטן, אָבער איך בין דער זעלביקער וואָס אויפֿן ים, דער זעלביקער וואָס אויפֿן באַרג סיני, דער זעלביקער וואָס אומעטום — איך בין גאָט, דײַן גאָט!״
אַזוי פֿילגעשטאַלטיק ווי ס׳איז דער ייִדישער גאָט אין דמיון און אין די דערפֿאַרונגען פֿונעם פֿאָלק ישׂראל, איז אויך די לאַנגע ייִדישע געשיכטע ממצרים ועד הנה. פֿילגעשטאַלטיק איז די ייִדישע געשיכטע, אָבער זי איז אויך ווי איר גאָט איין־און־די־זעלביקע אין עצם, ד״ה אין דער עיקר־דערפֿאַרונג און אין דער יסודותדיקער זעונג פֿונעם ייִדישן געמיט.
די דאָזיקע זעונג פֿון אונדזער היסטאָריעס איין־און־דער־זעלביקייט האָט דער דיכטער סוצקעווער שיין און טרעפֿיק פֿאָרמולירט אין זיבעטן פֿון זײַנע צען געזאַנגען וועגן דער דראַמאַטישער אויף־דער־וואָר־באַגעגעניש פֿון ייִד מיט סיני נאָך אַ הפֿסקה פֿון פֿערט־האַלבן טויזנט יאָר:

איך האָב שוין ווען געהערט די זעלבע טענער,
אָ, בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפֿן!

דער נײַסטער פֿון די טענער איז דער טאָן פֿון ייִדישער גבֿורה:

צעטראָטענע ווי שפּילצײַג אונטער זוילן —
צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פּחד.

און דער סאַמע עלטסטער, קיין מאָל ניט פֿאַרקלונגענער היסטאָ־רישער קלאַנג, וואָס דערטראָגט זיך צום פּאָעט תּפֿילהדיק און מיט משיח־בענקשאַפֿט איז:

אַ תּפילה קלעטערט פֿון די סאַמע טיפֿן,
ווי ס׳וואַלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פֿון די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפֿן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פֿון באַרג אין סיני — בלאָז אַוועק די שינאה.
פֿאַרשנײַד אויף ס׳נײַ אַ בונד מיט דײַנע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

סוצקעווערס זעונגען פֿון מתּן־גבֿורה און מתּן־נקמה איבערראַשן (עכטע שעפֿערישקייט איבערראַשט אַלע מאָל פֿון דאָס נײַ) מיט זייער פֿרישער בילדערישקייט און מיט זייער געצווימטער רו און שטילקייט. אָבער מיר דאַכט, אַז די סאַמע אייגנסטע סיני־וויזיע פֿונעם פּאָעט — די וויזיע, וואָס איז יסודותדיק, ווײַל זי כאַפּט אויף דעם תּמצית פֿון ייִדיש־היסטאָרישן גורל און ברענגט צום אויסדרוק דעם אורבליק פֿון סוצקעווערס דיכטערישן אויג און דעם אור־ניגון פֿון זײַן פּאָעטישן קול, איז די זעונג פֿון ייִדישער קרבנדיקייט און דאָס געזאַנג וועגן דער שיינקייט, וואָס הילט אײַן פּנימער פֿון ייִדישן גורל.
ווי וואָר און דראַמאַטיש־דערהייבנדיק עס זאָל ניט זײַן די באַגעגעניש פֿון די ישׂראל־גיבורים מיטן מידבר־ און הר־סיני, איז נאָך וואָרער און אייביקער דער מאַרש פֿון די פֿאַרברענטע ייִדישע קדושים צום באַרג סיני:

און דײַן געבאָט, אין בלעטער פֿעלדז — דײַן פּינקס,
פֿאַרקריצן מיט אַ פֿײַערדיקן פֿינגער
סקעלעטן פֿון די געטאָס און טרעבלינקעס!

קיין מער היסטאָרישער אָנגעווייטיקטער און קינסטלעריש און געדאַנקלעך אמתער גראַם ווי פּינקס און טרעבלינקעס איז גאָר ניט געמאָלט. ווּהין זאָלן זיי גיין די פֿאַרפּײַניקטע און פֿאַרגאַזטע אין די טרעבלינקעס אײַנקריצן פֿון דאָס נײַ גאָטס געבאָט אויב ניט צו דער היסטאָריע, צום באַרג סיניס פֿעלדזיקן פּינקס? איבער די דורות וואַנדערט אַזוי די ייִדישע שאָטן־אַרמיי מיט דער צען געבאָט־שליחות צווישן די טרעבלינקעס און דעם באַרג סיני־פּינקס. און אַ שיינקייט שפּרייט סוצקעווער דער דיכטער איבערן באַרג, איבער די לעבעדיקע און שאָטנדיקע געבאָט־אײַנקריצערס, איבער דער פּײַן פֿון לעבן און איבער דער רו פֿון טויט — אַ שיינקייט,

וואָס איז פּראָמעטעיִש דרייסט און אָלימפּיש־סוווערען. כ׳מיין, זי איז אָן שום מאָראַלישע מוראס און זי פֿאַרמאָגט די אָנתּכלית־דיקייט און פֿולע ציללאָזיקייט פֿון דעם ציל: שיינקייט —

דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשׂמים
פֿון אַלע דורות. דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראַם אים.
צעשמאָלצן ווערט איר שליטה אין זײַן שיינקייט.

ער אַליין, דער פּאָעט, איז גרייט צו ברענגען עמאָציאָנעלע קרבנות אַבי צו דערגרייכן שיינקייט, ווי ער זאָגט עס אין אַן אַנדער ליד פֿונעם בוך:

איך גיב דעם שמידער מײַן שוואַרצאַפּל,
מײַן צײַט, מײַן ליבע, מײַן געוויין;
און אונטער האַמער גלי איך, צאַפּל,
אַבי צו קאָנען זאָגן: שיין!

און אָט דער שיינקייט וויל איך דאַנקען,
זי איז מײַן אייביקע מינוט.

מיטן כּוח פֿון דער שיינקייט, דער "אייביקער מינוט", וואָס דער פּאָעט סוצקעווער איז איר צויבערדיקסטער וואָרטצויבערער, ווערט אַפֿילו דער טויט פֿאַרוואַנדלט אין אַ קינסטלער מיט זײַן אייגענער קונסטפּראָבלעם פֿון שיינקייט:

דער סקולפּטאָר מיט די טויזנט אויגן ענדיקט שוין די מאַסקע.
ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט אַ טרער, וואָס אויף דער וויִע?

פֿאַראַן ביי סוצקעווערן אַ ליד וועגן דער ווונדערלעכער ייִדיש־דײַטשישער פּאָעטעסע עלזע לאַסקער־שילער, ווו ער דערציילט אונדז די לעגענדע פֿון דער "הייליקער זקנה, די זינגערין עלזע".
לכאורה כאַפּן די "שבֿחי עלזע" דעם אָנבליק פֿון בעל־שמישע שבֿחים פֿון דערבאַרעמדיקייט מיט גאָטס באַשעפֿענישן, פֿון רחמנות מיט אַן אייזל, וואָס האָט זיך אַרונטערגעקוליעט פֿון באַרג און פֿאַרלוירן אַ פֿאָדערשטן צאָן און מיט דער זונרויז, וואָס איז געפֿאַלן אין גאָרטן. אָבער אין דער אמתן איז אין אָט דעם ליד, וואָס איז ניט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן זינגער סוצקעווער ווי פֿאַר דער באַזונגענער דיכטערין פֿון "טיבעט־טעפּעך", ניט פֿאַראַן

קיין בעל־שמיש רחמנות, ניט צו דעם אייזל, ניט צו דער זונרויז און אויך ניט צו די כוואַליעס, וואָס זענען אָקערשט געבוירן געוואָרן אין ים און "זיי קאָנען ניט ריידן, זיי מאָנען מיט קינדערשע הענטלעך".

ניטאָ דאָ קיין רחמנות, ווײַל רחמנות איז אין תּוך דואַליסטיש. עס איז ווי יעדער מאָראַליש געפּיל אַ רעזולטאַט פֿון איך — און דו. שיינקייט אָבער איז: מיר אַלע אונטער איין אויסגע־שטערנטן הימל. און יעדער פּגם אין דער גאַנצקייט (שיינקייט איז ערגעץ ווו אידענטיש מיט גאַנצקייט) איז אַ פּגם אין דעטאַל.

— — — האָט די זקנה צעשמאָלצן
איר חתונה־רינג בײַ דעם גאָלדשמיד ר' ניסים פֿון אַלטשטאָט,
און ס'האָט שוין דער אייזל אַ גאָלדענעם צאָן אַ מתּנה.

די "הייליקע זקנה, די זינגערין עלזע" האָט מקריבֿ געווען איר גילדענעם חתונה־רינג ניט אַזוי צוליב רחמנות מיט גאָטס באַשעפּעניש, דעם אייזל, ווי מחמת אַחריות פֿאַר דער שלמותדיקער סימעטריע פֿון באַשאַף, מחמת איר קינסטלערישער אַחריות פֿאַר דעם גרויסן קונסטווערק פֿון שיינקייט, וואָס הייסט נאַטור.

די זינגערין עלזע איז איינס מיט דער זונרויז, מיט דער מוראַשקע, מיט דעם אייזל און מיט די אָקערשט געבוירענע כוואַליעס ניט מחמת סאָלידאַריטעט מיט די באַשאַפֿענע, נאָר מחמת מיטגעפּיל מיט אים אַליין, מיט דעם וועלטבאַשעפּער און מיט זײַנע שאַפֿונגס־פּראָבלעמען.

און ווער האָט באַנומען ווי זי דאָס געווין פֿון באַשעפּער? —
שוין אַלצדינג באַשאַפֿן! די אייביקייט איז אים שוין אייביק
אַ קייט אויפֿן האַלדז, און קיין צווייטער איז מער ניט בנמצא...

אין דער גרויס־עסטעטישער אַחריות פֿאַרן באַשאַף, פֿאַרן שאַפֿונגס־פּראָצעס און פֿאַרן שעפּער, וואָס די זאָרג פֿון שלמות און דער באַגער זי צו צעשטערן כּדי פֿון דאָס נײַ צו שאַפֿן, ליגט איר ווי אַ "קייט אויפֿן האַלדז" — אין אָט דער קאָסמישער אַחריות און סאָלידאַריטעט באַשטייט די הייליקייט פֿון דער זקנה, דער זינגערין עלזע.

דאָס ליד "עלזע לאַסקער־שילער" איז ניט נאָר אַ העכסט געראָ־טענער פּסיכאָגראַפֿישער פּאָרטרעט פֿון דער באַזונגענער דיכ־טערין, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך דער אויטאָפּאָרטרעט פֿון איר באַזינגער, דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, און עס זענען

דערפֿאַר מער ווי באַרעכטיקט די דרײַ סוף־שורות פֿונעם ליד:

אַ בלויער קלאַוויר איז די שטאָט. אַ פֿאַרשלייערטע כּלה,
איך שפּאַן אויפֿן שטיינערנעם טעפּעך צוזאַמען מיט עלזען,
פֿאַרשיכּורט פֿון בלויען קלאַוויר און צעשניטן פֿון העלזען.

וואָס פֿאַר אַ טאָן סוצקעווערס ליד זאָל ניט אָנשלאָגן: דעם טאָן פֿון לעגענדע און השתּפּכות־הנפֿש, פֿון געדאַנקלעכן ליריזם און פֿון אָדע, אָדער גאָר דעם טאָן פֿון פֿאָלקלאָריסטישער היימישקייט — אַלע מאָל שפּרייט זיך איבער סוצקעווערס פֿערזן אַ קלאַסישע געמאָסטנקייט און עפּעס אַ מין מאָנומענטאַלע שיינקייט.

סוצקעווערס וואָרט פֿאַרמאָגט ניט די האַרבקייט פֿון מאָראַלישער מאָנונג ווי בײַם דיכטער ה. לייוויק און עס האָט ניט אין זיך די נאַטירלעכע מתיקות פֿון אַ גאָט־געבענטשטן חלום ווי בײַם פּאָעט איציק מאַנגער.

אָבער דערפֿאַר צייכנט זיך סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט אויס מיט עפּעס אַ רוישיקער, מיסטישער פֿאַרביקייט און קלאַנגיקייט, און צו דער זעלבער צײַט מיט אַן אויסנעמלעכער באַלאַנסירטקייט פֿון דעם קאָלירן־און קלאַנגען־צונויפֿשטעל, וואָס מאַכט, אַז מיסטיק און ניכטערקייט זאָלן זיך באַהעפֿטן אין איינעם צו קינסטלערישער שלמות אין סוצקעווערס ליד.

ס׳איז ניט פֿון די געוויינטלעכע ספּעקטאַקלען אין דער קונסט פֿון פּאָעזיע, אַז ווערטער, וואָס "ווי לאָטאָסבלעטער וויקלען זיך די פֿאַרבן" און זייערע קלאַנגען, וואָס "פֿלאַטערן באַהאַלטן אין פֿידלען" אין ערגעץ פֿאַרמויערטע "שוואַרצע פּאַלאַצן", זאָלן אין איינעם אין ליד אַרויסברענגען אַזאַ יישובֿ־הדעתדיק געצוימטע פֿאָרמולירונג פֿון געדאַנק און בילד און אַזאַ קלאַסיש־רויִקן ריטעם פֿון פֿערז.

אַזאַ מאַגישע עשירות פֿון פֿאַרב און קלאַנג און אַזאַ מײַסטעריש געצוימטער פֿערז און אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע באַהערשונג פֿון דער עמאָציע אין פּאָעטישן בילד!

די דאָזיקע אמתע סוצקעווערישע ווירטואָזיטעט (זי איז די אמתע, וואָרעם איר שאַפֿונגס־פּראָבלעם איז ווי אַזוי צו צוימען די שפֿע פֿון גאָטס חסד אין זיך) האָט איבער "דעם בערגל ווונדן", אין זײַן דיכטערישן געמיט אויסגעשפּרייט אַ גרינע לאָנקע פֿון שלווה און פֿון שיינקייט, וואָס מינערט טאַקע ניט פֿון די ווונדן, אָבער מאַכט דאָס לעבן גרינגער, דערהייבענער און — היילקער.

וואָרעם וואָס קאָן זײַן, אמת טאַקע אַכזריותדיקער, אָבער אין תּוך

איך געטלעכער דורך איר תּמימות, רו און קינדערשער שפּילעוור־דיקייט און בכן הייליקער, ווי אַ "לאַנקע צווישן תּליות"?
אין דעם ליד צום אָנדענק פֿון זײַן רעטערין יאַנאָוואַ באַרטאָשע־וויטש באַצייכנט דער דיכטער די דאָזיקע געטלעכע רו און קינ־דערשע תּמימות ווי אַ "לאַנקע צווישן תּליות"; אין דעם געזאַנג צו עלזע לאַסקער־שילער איז די הייליקייט אידענטיש מיט דעם קינסטלערס מיטאַחריות פֿאַר דער גאַנצקייט און שיינקייט פֿון דעם הימלישן יוצרס יצירה, און אין דעם ליד "שפּילצײַג", וואָס איז אַ דורכשמועס פֿון דעם טאַטן מיט זײַן אייגן טעכטערל מכּוח אירע ליאַלקעס, ווערט די דאָזיקע "גרינע לאַנקע" פֿון קינדערשער פֿרעמדקייט צו וועלט און נאָענטקייט צו גאָט אויסגעזונגען אין שורות, וואָס אין זיי וועט, ווי מיר דאַכט, לדורות ברענען אונדזער "בערגל ווונדן":

דײַנע שפּילצײַג, מײַן קינד, האַלט זיי טײַער,
דײַנע שפּילצײַג נאָך קלענער ווי דו.
און בײַ נאַכט, ווען ס'גייט שלאָפֿן דאָס פֿײַער,
מיט די שטערן פֿון בוים דעק זיי צו.

— —

האָב זיי ליב, דײַנע קליינע בת־מלכּהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — וויי און ווינד —:
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געוועזן אָן אַ קינד.

אֲאָזים

אַזיס

דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער האָט דער עלפֿטער זאַמלונג פֿון זײַנע לידער אַ נאָמען געגעבן "אָאַזיס". עס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס דער דיכטער האָט אָנגערופֿן די גאַנצע זאַמלונג אויפֿן נאָמען פֿון דעם צענדליק לידער אין דעם פֿאַר־לעצטן אָפּטייל פֿון דעם בוך. דער פּאָעט האָט דערמיט געוואָלט אָנווינקען אויף דער גרונטשטימונג פֿון זײַנע געזאַנגען. און די גרונטשטימונג איז דעם זעערס אַנטלויף צו זיך אַליין, צו זײַן פּאָעטישן איך, צו זײַן ליד פֿון ליבע און צו זײַן ליבע צום ליד. עס איז דער אַנטלויף צו דעם "אָאַזיס אויפֿגעגאַנגענער פֿון אייגן לײַב" אין דעם אַרום פֿון דעם דיכטערס "אָפּגעברענטער צײַט".

די דאָזיקע שטימונג ווערט פּאָעטיש פּרעציז און מיט עפּיגראַמאַ־טישער שאַרפֿקייט אויסגעדריקט אין די זעקס שורות פֿון דעם ליד "באַהעלטעניש":

באַהאַלט זיך אין מײַן ליד, און ווי אַ פֿײַלן־בויגן,
אַן אויסגעבויגענע פֿון בענקשאַפֿט, ליג אין ליד און לאָקער:
אַ רײַטער יאָגט פֿון יענער־וועלט צום לעבנס ריינסטן מקור,
גאַלאָפּ, גאַלאָפּ...

עס פֿאַלט די נאַכט — אַ שוואַרצער שטיין אין קאָפּ.

איבער אַלע געאָגראַפֿישע און זעלישע לאַנדשאַפֿטן אַריבער, איבער היסטאָרישע אַסאָציאַציעס און זעונגען, איבער באַלאַדישע קינדהייט־זכרונות און איבער התפּעלותדיקע קונסט־דערמאָנונגען, טרײַבט עס די דיכטערישע איינזאַמקייט זיך צו באַהאַלטן אין אייגענעם ליד און צו לאָקערן אויף דעם רײַטער, וואָס יאָגט "צום לעבנס ריינסטן מקור".

דאָס איז די פּאָעטישע שטימונג, די גרונטשטימונג, ווי זי ווערט קאָנדענסירט אין דעם צענדליק "אָאַזיס"־לידער. אָבער דער כּוח פֿון סוצקעווערס געזאַנגען, דער כּוח, וואָס רײַסט־מיט דעם לייענער און טוט אים אָן כּישוף, ליגט ניט אין דער, אָדער אין יענער דיכטערישער שטימונג. עס פֿאַרכּישופֿט די געדויערדיקע קראַפֿט

פֿון סוצקעווערס שפּראַך־ווירטואָזישקייט און פֿון זײַן פּראָסאָדישער מײַסטערשאַפֿט. און עס רײַסט מיט דאָס ווערטבילד, וואָס זינגט אַרויס פֿונעם דיכטערס "קרישטאָלענעם הימען" אין אָט דער לידער־זאַמלונג, ניט ווייניקער ווי אין די פֿריִערדיקע צען.
סוצקעווערס ווירטואָזישקייט פֿון שפּראַך, פֿערז און גראַם איז ניט קיין דרויסנדיקע מלאכת־מחשבֿת. ס'איז ניט קיין ווערטערשפּיל, ניט קיין וואָרט־שניצערײַ, ניט אַזאַ אָדער אַנדער חן־פּלעסטערל אויפֿן פּנים פֿונעם וואָרט און אַפֿילו ניט קיין פּלאַסטישע אָפּעראַציע צו מאַכן דאָס וואָרט אַנדערש אויסזען. סוצקעווער, דער וואָרט־ווירטואָז, איז אין תּוך פֿאַר אַלעמען אַ מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר. זײַנע דיכטערישע רייד שטײַגן אויף פֿון דער מוזיק און ניט מוזיק ווערט צוגעפּאַסט צו די ווערטער.
דער שעפֿערישער פּראָצעס פֿון סוצקעווערס דיכטונג איז, ווי ער אַליין זאָגט עס אַזוי ריכטיק און מיט אַזוי פֿיל טרויעריקן חן אין דעם ליד "אויסדערווײלטער בוים", אידענטיש מיט "צער גידול מוזיק". אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז בלי־ספֿק איינס פֿון די שענסטע אין בוך, האָט דער פּאָעט אַרײַנגעזונגען, ביודעים און בלא־יודעים, אויטאָפּאָרטרעטיסטישע שטריכן:

מיט אײַזערנער און קאַלטער הענטשקע וואָרפֿט אים אום
דער שטורעם.
אַ וואָלקן שטייט צוקאָפּנס מיט אַ רידל.
און סטראַדיוואַריוס קוים
ער שעפּטשעט: אויסדערווײלטער בוים,
צעזעג מײַן גוף — דעם ווײנענדיקן פֿורעם,
און שניץ פֿון מיר, און מיט מײַן בלוט באַמאָל —
די לעצטע פֿידל.

סוצקעווערס דיכטונג איז ניט איין ניגון, וואָס ווערט אַלץ שענער און שלמותדיקער אויסגעזונגען, נאָר זי איז אַ גאַנצע קאַפּעליע פֿון שטיל צעשפּילטע סטרונעס און ניגונים איבערן שטח פֿון זײַנע עלף לידער־זאַמלונגען פֿון 1937 ביז 1960.
די פֿיזיקלאַנגען צויבערן פֿון זיך אַרויס ווערטער און פֿערזן געגראַמטע און פֿרײַע. די ווערטער זענען ניט מער ווי כּישוף־שפּראַכן, וואָס פּרוּוון אַרויסברענגען און איבערגעבן און אַנטפּלעקן "די גרויסע הערונג" פֿון די פֿילקאָלירקע קלאַנגען און מעלאָדיעס, וואָס וווינען אין סוצקעווערס פּאָעטישער פֿידל.

ווי רעמבראַנדט, וועגן וועלכן סוצקעווער דערציילט, אַז —

געלייגט אויפֿן יאַטקעקלאָץ האָט ער זײַן חלום, געשוונדן
אַנטפּלעקן זיך זאָל דער קאָליר פֿון בהמישן מוי.
און תּפֿילה געטאָן, און באַשלאָגן דעם לײַוונט מיט ווונדן,
כּדי ס׳זאָל אַרײַנגיין אין לוור־גן־עדן —
די קו.

אַזוי פּרוּווט אויך סוצקעווער, דער פּאָעט, אַרויסזינגען פֿון זײַן "זינגעווייד" דעם קאָליר פֿון זײַנע ניגונים, די פֿאַרב פֿון זײַנע ווערטער.
וואָס איז די אָפּטסטע און די בולטסטע פֿאַרב פֿון סוצקעווערס מוזיק און וואָרט?

אַנדערש ניט: עס טרינקט זיך דער באַשעפֿער אין מײַן בלוט.

און

איך בין אַ תּפֿילה אָנגעטאָן מיט ווונדן,
ווי אַ בוים
איז אָנגעטאָן מיט פֿייגל אין אַ שטורעם.

דער פֿאָלקס־חורבן, וואָס סוצקעווערס ליד איז זײַן סאַמע מוזיקאַ־לישסטער עדות אין דער ייִדיש־פּאָעזיע, און די אַלע איבערלעבע־נישן פֿון פֿיזישן און גײַסטיקן צער אין געטאָ, אין וואַלד, אויפֿן וואַנדער און אויך אין דער שטילער שעפֿערישקייט אין דער היים, האָבן באַפֿאַרבט דעם דיכטערס ליד מיט דער פֿאַרב פֿונעם רובין־איידלשטיין, מיט דער פֿאַרב פֿון ווונדיקער רויטקייט:

עכאָ, דו קלעזמער פֿון גײַסט און רובין,
ס׳קאָן דיך אַ לאָפּעטע לופֿט ניט פֿאַרשיטן.

אַזוי זעט דער דיכטער סוצקעווער זיך, זײַן מוזיק און אירע קלאַנגען, און מיר דאַכט זיך, אַז די זעלבסטכאַראַקטעריזירונג איז זייער אַ געראָטענע.
דער פּאָעט סוצקעווער איז דער צויבערדיקער פֿידלשפּילער פֿונעם ייִדיש־פּאָעטישן וואָרט, דער צויבערער, וואָס קאָן אַרויסבאַקומען און באַווײַזן פֿאַרן לייענער־צוהערער די פֿאַרב פֿון זײַן מוזיק און די אַלע מאַגישע איידלשטיין־קאָלירן פֿון זײַן וואָרט.
סוצקעווער איז אין זײַן ליד אי אַ זינגער און אי אַ זאָגער. ער

איז אַ זאָגער, ווי שוין דערמאָנט, ניט מיט ווערטער, צו וועלכע מ׳פּאַסט צו אַ ריטעם און אַ ניגון, נאָר ער איז אַ זאָגער אין דעם זינען, וואָס פֿון זײַן געזאַנג גייט אויף וואָרט און פֿון די ווערטער אַנטפּלעקט זיך אַ וועלטבילד, דעם דיכטערס אייגענע וועלטזעונג. וואָס איז סוצקעווערס וועלטזעונג ווי זי קומט צום אויסדרוק אין זײַן ליד, ניט נאָר אין די לידער פֿון "אָאַזיס", נאָר אויך אין די לידער פֿון "די פֿעסטונג", פֿון "ייִדישע גאַס", פֿון "געהיימשטאָט", פֿון "סיביר", פֿון "אָדע צו דער טויב" און פֿון "אין מידבר סיני"?

ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם האָט מײַן אַסאָציאַציע אָװעקגע־וואַנדערט צו עמערסאָנס באַרימטן עסיי וועגן פּאָעט. איך האָב נאָך אַ מאָל דורכגעלייענט דעם עסיי פֿון דעם אַמעריקאַנישן עסייִסט און מיר דאַכט, אַז קיינער אין אונדזער ייִדיש־פּאָעזיע, אַחוץ אפֿשר איציק מאַנגער, איז ניט אין אַזאַ מאָס דער קלאַסישער עמערסאָנישער דיכטער ווי דער פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער.

נאָך דעם ווי עמערסאָן פֿאַרזיכערט אונדז, אַז דער פּאָעט איז אַ וואָרטזאָגער, אַן אידענטיפֿיצירער און רעפּרעזענטירט די שיינקייט, שרײַבט ער די ווײַטערדיקע שורות, וואָס לייענענדיק זיי האָט מען דאָס געפֿיל, אַז זיי זענען געקריצט אויף לוחות צו געדענקען לדורות:

"וואָרעם די וועלט איז ניט באַמאָלן און באַצירט, נאָר זי איז פֿון סאַמע בראשית שיין; און גאָט איז ניט דער שעפֿער פֿון דער און יענער שיינער זאַך, נאָר די שיינקייט האָט באַשאַפֿן דעם אוניווערס".

אָט די מיסטישע שיינקייט־קאָנצעפּציע, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פֿון דער קאַבאַליסטישער תּפֿארת, אָבער איז אין דער אמתן נענטער צו דער שיינקייט, וואָס די גריכישע מיטאָלאָגיע האָט זי פֿאַרקער־פּערט אין דער אַפּאָלינישער גאָטגעשטאַלט, איז די ערד און דער הימל פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע. שיינקייט איז דער בראשית פֿון אַלץ וואָס איז פֿאַראַן און געשעט און שיינקייט איז אויך דער ציל פֿון אַלע פֿאַראַנענקייטן און געשעענישן:

"די נאַטור איז, אומעטום און אַלע מאָל שיין אין אירע כּוונות, עס פֿעלן בלויז די באַדינגונגען די שיינקייט אַרויסצוברענגען. פֿאַרן געוויינטלעכן בליק בלײַבט די שיינקייט פֿאַרהוילן. די קונסט פּרוּווט אַלץ צו שילדערן אין הסכּם מיט די כּוונות פֿון דער נאַטור".

און דאָס איז אויך סוצקעווערס וועלטזעונג, ווי זי אַנטפּלעקט זיך אין זײַן ליד. עס איז ניט בנמצא אין דער וועלט עפּעס אַזוינס וואָס זאָל לויט בראשיתדיקער כּוונה אָדער ציל ניט זײַן שיין. דערפֿאַר

אויב וווּנדן — "זאָלן זײַן די וווּנדן אָן אַ מום", און אויב אַ בית־עולם מיט קבֿרים — זעט דער דיכטער:

אַ רעגן וואָגלט צום בית־עולם, אים אַצינד
צו כאָוועזן,
ווי ס'וואָלט אַ ווונדערקינד געשפּילט פֿאַר נאָך אַ קינד
בעטהאָווען.

עס זענען דאָ וווּנדן און עס זענען פֿאַראַן קבֿרים: עס איז דאָ אַן אָנהייב און עס איז פֿאַראַן אַ סוף מיט אָדער אָן אַ זינען, אָבער איבער אַלץ שוועבט שיינקייט, איבער אַלץ שײַנט דאָס געטלעכע פּנים פֿון אַפּאָלאָ און וואָס עס זאָל ניט געשען אין דער הויה, געשעט עס אין צייכן פֿון עפּעס אַ געהיימער קינסטלערהאַנט, וואָס איז אויסן צו שאַפֿן און שאַפֿט רק שיינקייט:

— איילבערטבוים, צי האָט אַ בליץ,
דער גאָלדשמיד פֿון די וואָלקנס,
דיך אויסגראַווירט בײַ נאַכט אויס פֿאַרגעניגן?

— —

— איילבערטבוים, איך האָב דיך ליב,
נאָר זאָג מיר בנאמנות, —
געדײַעט נאָך אין דיר אַ גרינער ניגון?

אַ מאָל קאָן זיך בײַ דעם און יענעם ליד אויסדאַכטן, אַז דער פֿײַנפֿיליקער דיכטער סוצקעווער מיט זײַן דין־שבדינעם קאָסמישן געהער פּרוווט דאָ בלויז פֿאַרשפּילן זיך און זײַן טרויער מיט מוזי־קאַלישע רעיונות און מיט פּלערליי קאָליריקע קלאַנגען, וואָס ער הערט אַרויס פֿון בוים, פֿון רעגן, פֿון מירטנוואַלד, פֿון וואַסערפֿאַל און פֿון וואָלקנס. אָבער מען מוז לייענען און נאָך אַ מאָל לייענען ליד נאָך ליד, כּדי צו דערפֿילן די גאַנצקייט פֿון סוצקעווערס פּאָעטישער זעונג — פֿון זײַן וועלטבילד. דער לייענער, וואָס דערכאַפּט ניט דעם צונויפֿבונד פֿון סוצקעווערס עסטעטישער שפּיל אין דעם אָדער אין יענעם ליד מיט דעם דיכטערס, וואָלט איך געזאָגט, קאָסמאָגאָניע, מיט זײַן "בראשית ברא" פֿון שיינקייט — אַזאַ לייענער איז געגליכן צו אַ טוריסט, וואָס באַוווּנדערט אַ "זעענס־ווערדיקייט" אין אַ פֿרעמדער שטאָט און פֿאַרשטייט ניט, אַז די "זעענסווערדיקייט" איז ניט די שטאָט, נאָר עפּעס אַ שפּיל אַזאַ אין אַן אויפֿגעבויטער און אויסגעבויטער גאַנצקייט.

לייענט מען איבער און נאָך אַ מאָל איבער די אַכט און אַכציק זײַטן פֿונעם בוך זעט מען ווי עס וועבט זיך ממש די יריעה פֿונעם פּאָעטס וועלטזעונג פֿון די ״זויבערע, מעלאָדישע געלאַפֿן״ און פֿון די ״וווּנדן אָן אַ מום״ אין זײַן ערשטן ליד פֿון דעם ציקל ״ווערטער און שווײַגנס״ און ביז צו דער וויזיע פֿונעם סוף ליד ״אין ווינקעלער״:

אויך די מאָרגנס נאָך מײַן הײַנט, וואָס בלויז
ציטערדיקע צוקן מיט צוקאָפּן —
טרינק איך. זייער טעם איז פֿון אַ רויז...

און ביז צו דעם דיכטערס מוסר־השׂכּל אין דעם זעלבן ליד:

ליפּן, ליפּן, זאַלבעצווייט און — אייניק,
לויבן זאָלט איר ביזן לעצטן צאַנק
אַלע סאָרטן ווײַן. איז אײַך דען ווייניק?
זאָל אײַך זאָגן דער באַשאַף אַ דאַנק?

איז ערשט דעמאָלט, ווען עס אַנטפּלעקט זיך דעם דיכטערס וועלט־בילד, וואָס זײַן געטלעכער באַשעפֿער איז שיינקייט — ערשט דעמאָלט זעט מען און מען דערפֿילט דעם גאַנצן צער און די פֿולע נשמה־פּײַן פֿונעם פּאָעט, וואָס איז אײַנגעהילט אין דער שיינקייט, אָבער ווערט פֿון איר ניט פֿאַרדעקט. פֿאַרקערט, דער צער און די פּײַן אַנטפּלעקן זיך דורך דער ״קרוין פֿון פֿונקען״ נאָך שאַרפֿער, נאָך טיפֿער און נאָך טראַגישער, אַזוי טראַגיש ווי אַבֿלות אונטער דער אויסגעשטערנטער חופּה פֿון פֿרייד.
איך האָב געלייענט די לידער און האָב מיך, אַ מיטגעריסענער מיט סוצקעווערס וועלטבילד פֿון שיינקייט איבער טרויער, באַרוישט מיט זײַנע נײַע און אַלע מאָל איבערראַשנדיקע אימאַזשן (אומזעיִקער פֿליגל וועט געבן אַ פֿאָכע און אָנצינדן ווי אַ מנורה די יאָרן) און מיט די וווּנדערלעכע געדאַנקלעך און בילדעריש געבונדענע גראַמען (ס׳ערשטע מאָל אין וויגל, געדענקט נאָך פֿון גן־עדן־צײַט אַ זמרל, אַ ניגל; ניאַגאַרע, אויסטאַטוירט אין דײַן מראה; אַנטקעגן צפֿת בײַם וואַדי, פֿאַר נאַכט אַרײַן לבֿדי) און איך האָב אין זיך אויפֿגענומען זײַן שווערע פּאָעטישע שליחות פֿון עסטעטיש־מאָראַלישער זעונג און אמונה.
איך האָב נאָכגעמורמלט מיט באַוווּנדערונג דעם פּאָעט:

דאָ בלײַב איך. ביז װוּנדיקן אָפּגרונט — אַ מאמין.
געזאַלבט צו זײַן אונטער אַ שטראָם פֿון רובינען.
װער בין איך? אַן אוראַלטע פֿידל אַזאַ מין,
װוּ הונגעריק זשומען פֿאַרבלאָנדזשעטע בינען.

גײַסטיקע ערד

פֿון דעם בינטל געשטאַלטן, וואָס דער דיכטער פּרעזענטירט אונדז בײַם אָנהייב פֿון זײַן נײַער פּאָעמע, בעת די פּליטים־שיף "פּאַטריאַ" האַלט אין צושווימען צום ברעג פֿון דער "גײַסטיקער ערד", איז גרשוני, דער באָטאַניקער, די געשטאַלט, וואָס קומט פּסיכיש צום נאָענטסטן צו זײַן אַ מין "אַלטער עגאָ" פֿונעם פּאָעט סוצקעווער. עפּעס פֿון זײַן סיבירער קינדהייט־ביאָגראַפֿיע ווי זי ווערט פֿאַר־צייכנט אין דער פּאָעמע "סיביר" (געשריבן אין יאָר 1936 אין ווילנע) און מער נאָך ווי עפּעס פֿון דער אוראייגענער לאַנדשאַפֿט־זעונג ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דורכויס אַלע זײַנע ווערק, האָט דער פּאָעט סוצקעווער אָװעקגעשענקט לוקאַן, וואָס איז זיבן יאָר געשווומען אויף אַ קריִע איבערן אײַז־ים און האָט זיך מיט דער הילף פֿון זײַן פֿרוי לענאַ און פֿון איר פֿאָטער, דעם אַלטן פֿישער אַי־דאַי־ביקע, אַרויסגעראַטעוועט, און גרייכט איצט אויף דער "פּאַטריאַ" צו די ברעגעס פֿון דער "גײַסטיקער ערד".
אָבער גרשוני אין זײַן מאָנאָלאָג פֿון ריטמישער פּראָזע איז ניט בלויז אַ פּסיכישער קרובֿ פֿון דיכטער סוצקעווער, נאָר איז אין זײַנע רייד אויך אומדירעקט אַ פֿאָרמולירער פֿון סוצקעווערס פּאָעטישן וועלטבאַנעם און פֿון זײַן קינסטלערישן אײַנשטעל צום שטאָף פֿון דער דרויסנדיקער וועלט און פֿון אירע געשעענישן.

> אַ באָטאַניקער בין איך — לאָזט סוצקעווער זאָגן וועגן זיך גרשונין — בלומען, גראָזן, געוויקסן האָב איך ליבער פֿון אַלע נאַרישקייטן אין דער וועלט. זייער פֿאָרעם און אינהאַלט זענען מיר ווייל באַקאַנט, עלעהיי מײַן זכרון וואָלט זײַן אַ בינשטאָק. איך וואָלט קענען אָנשרײַבן אַ ספֿר, מיט די פּיוטים פֿון זייערע פֿאַרביקע תּפֿילות...

און

> אַפֿילו דאָרטן, מיט קייטן אויף די פֿיס, בײַם טראָגן מתים צום געציקן שײַטערהויפֿן, האָב איך זיי תּמיד געזאַמלט, די

אײדעלע קינדער פֿון דער ערד. אין מלכות פֿון טויט איז מיר געגאַנגען אין לעבן, װיפֿל מינים בלומען עס באַצירן די געגנט.

מיט אַנדערע װערטער: די דרויסנדיקע װעלט, װאָס און װי אַזוי זי זאָל ניט זײַן, זי איז ניט אויטאָנאָם. דעם מענטשנס, דעם קינסטלערס אינעװײניקסטע װעלט אַנטפּלעקט זי און גיט איר געשטאַלט. אַ ניט־אַנטפּלעקטע פֿון מענטש און קינסטלער איז די װעלט אַ דומם, טויט אין איר פֿולער שטורעמדיקייט. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער בלײַבט דער מענטש־קינסטלער אַ "בלינדער מיט אָפֿענע אויגן" אויב ער האָט אין זיך ניט קיין אינעװײ־ניקסטע אײגענע װעלט, װאָס זאָל זיך מיט דער דרויסנדיקער באַגעגענען און זי געשטאַלטעריש אַנטפּלעקן.
אָט אַזוי האָט דער אַלטער געטע דערצײלט װעגן זיך װען ער האָט גערעדט מיט עקערמאַנען, װאָס האָט זײַנע רייד פֿאַרצײכנט לדורות: "װען איך זאָל ניט געװען טראָגן אין מיר — האָט דער אָלימפּיקער געזאָגט צו זײַן תּורה־נאָכשרײַבער — פֿון לכתּחילה אַן אײגענע װעלט, װאָלט איך געװען אַ בלינדער מיט אָפֿענע אויגן און מײַן גאַנצע מי און דערפֿאַרונג װאָלט געװען אַן אומזיסטע, אַ טויטע. װאָרעם דער אמת װערט געבוירן ערשט דאָרט און דעמאָלט װען דעם מענטשנס אינעװײניקסטע װעלט באַגעגנט זיך מיט דער דרויסנדיקער רעאַליטעט..."
דורך די אויגן פֿון אַן אינעװײניקסטער װעלט, װאָס לעבט אין פּײַן פֿון לײדן און פֿון הײליקער גאַרונג נאָך אויסלײז, האָט דער דיכטער און דראַמאַטורג, ה. לײװיק, באַגעגנט און פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט די "דרויסנדיקע רעאַליטעט".
די אינעװײניקסטע װעלט פֿון א. סוצקעװערס ליד און פּאָעמע אין צונויפֿשטויס מיט דער "דרויסנדיקער רעאַליטעט" איז געװען דאָס אויג פֿון דעם יונגן דיכטער, װאָס האָט געשאַפֿן און געשפּרײט מיטאָלאָגישע שײנקייט איבער אַלץ, װאָס ער האָט געזען. איך זאָג מיטאָלאָגישע שײנקייט און ניט לעגענדאַרישע, װײַל פֿון לעגענדע שמעקט מיט אײַנגעשטילטקייט, מיט גן־עדן. די שײנקייט פֿון דער מיטאָלאָגיע אָבער איז דער גיהנום פֿון אַזעלכע תּהומיקע בילדער װי: "האָט אַ װילדער שנײשטורעם זיך צעטאַנצט איבער דער קריע; צעטראָטן די זון װי אַ בלינדן װאָרעם און געצװוּנגען דעם ים זיך שטעלן דיבאָם".

ס'איז אַ וועלט, וואָס עס האָבן זיך נאָך איבער איר ניט פֿאַרענ־דיקט די זעקס טעג פֿון באַשאַף. עס איז אַ גראַנדיעזע תּוהו־ובֿוהודיקע לאַנדשאַפֿטפּראַכט, וואָס גייט דורך דעם גאַנצן פֿערטל יאָרהונדערט פֿון סוצקעווערס ליד, זינגט דער דריַי־און־צוואַנציק־יאָריקער פּאָעט האָט געזען ווי ס'ווערט "אויסגעשמידט אַ זון" אויף צו צעברעכן דעם איַיזפּאַנצער פֿונעם סיבירער טיַיך אירטיש, איבער די מיטאָלאָגישע מעשׂיות פֿון דער „געהיימשטאָט", אין וועלכער הבֿל איז אַנטלאָפֿן פֿאַרן צאָרן פֿון קינען, דעם מערדער פֿון מענטש און צעשטערער פֿון קונסט, און איבער די באַרווישנדיקע קאָשמאַרן פֿונעם "גרינער אַקוואַריום" ווו "די טעג האָבן זיך געלאָשן ווי שוועבעלעך" און "די נעכט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי עקדישן" און ביז צו דער „פּאַטריאַ", וואָס טראָגט זיך איבערן צעשטורעמטן ים און —

דער שטורעם האָט די מראה פֿון אַ בוינע.
אַ בליצן־חלף שימערט ווו־ניט־וויק.

(דערמאָנט די פּאָעמע "סיביר" פֿונעם 23־יאָריקן סוצקעווער, וואָס איז אַרויס אויף יידיש מיט וווּנדערלעכע צייכענונגען פֿון מאַרק שאַגאַל אין 1953, פֿריִער אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג פֿונעם דיכטער ש. שלום אין 1952, און אין 1961 אויף ענגליש אין דער אינטערנאַציאָנאַלער איבערזעצונג־סעריע פֿון „יונעסקאָ" — וויל איך זאָגן, אַז ווען דאָס בוך זאָל ניט פֿאַרמאָגן קיין אַנדערע לידער אַחוץ "צום טאַטן" און "מיַין חבֿרל טשאַנגורי", וואָלט די פּאָעמע מיט אָט די צוויי געזאַנגען אַליין שוין אויך געהערט צו די סאַמע שענסטע זאַמלונגען פֿון יונגע לידער אין דער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע).

איך האָב אונטערגעשטראָכן סוצקעווערס לכתּחילהדיקע אינעוויי־ניקסטע פּאָעטישע וועלט און זיַין לאַנדשאַפֿט־געמעל פֿון מיטאָלאָ־גיש־קאָשמאַרישער שיינקייט, וויַיל ס'איז פּשוט אַ מיצווה זיך אָפּצוגרענעצן פֿון די טעמאַטישע טיַיטשערס, וואָס פֿאַר זיי איז די "גיַיסטיקע ערד" בלויז אַ פּרווו צו "פֿאַרשדכנען ווילנע מיט ירושלים", צו "פֿאַרווילנעווען ירושלים און צו פֿאַרירושלימעווען זיַין ווילנע". עס איז אַ מיצווה, זאָג איך, זיך אָפּצוגרענעצן פֿון יענע, וואָס נעמען אויף בײַ די ברעגעס פֿון ישׂראל דעם פּאָעטישן משולח פֿון ווילנע און זעען ניט און פֿאַרשטייען ניט, אַז צו דער "גיַיסטיקער ערד" איז צוגעשוווּמען פֿון אַלע זיַינע פֿריִערדיקע

פּיזישע און גײַסטיקע ערדן (פֿון סיביר און ליטע און פֿראַנקרײַך) אַ פּאָעט אין זײַן פֿולער גאַנצקייט און גרייס, וואָס האָט די דרויסנדיקע רעאַליטעט מיט אירע געפֿיל־נאָענטע און געפֿיל־ווײַטערע געשעענישן, געשטאַלטן און לײַדנשאַפֿטן, געזען תּמיד און דורכויס אין ליכט פֿון זײַן אייגענער גײַסטיקער ביאָגראַפֿיע, וואָס איז עלטער פֿון זײַנע בלויז אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל יאָר לעבן. דער פּאָעט סוצקעווער האָט בײַם אירטיש, בײַ דער ווילִיע און בײַם ים־התּיכון אַרויסגעבראַכט נאָר זײַן אייגענע זעונג און די לײַדנשאַפֿט צו געשטאַלטיקן די מאָטיוון, וואָס זיי זאָלן ניט זײַן, לויט זײַן אייגענער וויזיע מיט זײַן אייגענער מוזיק און פֿאָרעם:

פֿאַרוואָר, איז מיר באַשערט אין מידבר שטאַרבן,
איז בלויז פֿון דאָרשט — נאָך דינסטע קלאַנגען,
אויסגעבענקטע פֿאַרבן.

פרווונדיק כאַראַקטעריזירן סוצקעווערס פּאָעטישע וועלט האָב איך אויך דערמאָנט לייוויקן. כ'האָב עס ניט געטאָן צופֿעליק. וואָרעם מיר דאַכט, אַז פֿון צווישן דעם קליינעם געזעמל גרויסע ייִדיש־פּאָעטן איז סוצקעווער באַגלײַך מיט לייוויקן צו אונדז געקומען ניט מיט קיין ספּעציפֿיש־ייִדישן, נאָר מיט אַן אַלגעמיין־מענטש־לעכן פּאָעטישן מאָטיוו. ווי בײַ לייוויקן איז אויך בײַ סוצקעווערן דאָס ייִדישע פּינטעלע אַרויסגעוואַקסן פֿון דעם מענטשלעכן און ניט פֿאַרקערט. בײַ פּרצן דערגייען דער נעמיראָווער רבי אין "אויב ניט נאָך העכער" און ר' שלמה פֿון "די גאָלדענע קייט" דורך זייער ייִדישקייט צו דעם גרויס־מאָראַלישן פֿײַער, וואָס זײַן נאָמען איז מענטש.

לייוויק און סוצקעווער קומען פּאָעטיש ביידע פֿון ניט־ייִדישע וועלטן. לייוויקס גאַנג איז דער גאַנג פֿון קאַטאָרגע און סיבירער פֿאַרשיקונג צו די מאָראַליש־ייִדישע לײַדנשאַפֿטן פֿון קידוש־השם און פֿון משיחיות, סוצקעווערס — פֿון דער מיטאָלאָגישער זעונג וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין דעם דיכטערקינד בײַ די ברעגעס פֿונעם אירטיש און האָט מיט אים מיטגעשפּאַנט ביז צו די קאָשמאַר־בילדער פֿון חורבן.

בײַ ביידע, אי בײַ לייוויקן און אי בײַ סוצקעווערן, איז אין זייערע סיבירער לידער ניט פֿאַראַן קיין באַזונדערער ייִדישער מאָטיוו. בײַ לייוויקן איז די גרונטזעונג פֿון די סיבירער שנייפֿעלדער,

וואָס באַגלייט אים איבער אַלע זײַנע ווערק, די זעונג פֿון —

קעפּ — אָפּגעשוירענע,
קליידער — צעריסענע,
אויגן פֿאַרלאָשענע,
לײַבער צעשמיסענע.

און בײַ סוצקעווערן? אַפֿילו ער אַליין ווערט אויף די סיבירער שנייסטעפּעס געשטאַלטיקט אין אַ גראַנדיעזער, מיטאָלאָגישער לאַנדשאַפֿט־שיינקייט:

טאַטע הערט ניט. שטערן פֿאַלן גרינע.
טאַטע זעט ניט, אַז פֿון העלער הויט
ווער איך פֿון אַ ייִנגל — אַ לאַווינע,
וועמען ליכט און ווונדער האָט געבויט.

אַוודאי האָט זיך די געשיכטע אַרײַנגעמישט און האָט כראָנאָלאָגיש געסדרט דעם גאַנג פֿון די דרויסנדיקע רעאַליטעטן, מיט וועלכע לייוויק און סוצקעווער האָבן זיך געשטאַלטעריש צונויפֿגעשטויסן; אָבער איך וויל זאָגן, אַז אַלע שפּעטערדיקע ייִדישע מאָטיוון זענען בײַ ביידע פּאָעטן אַרויסגעוואַקסן פֿון זייער לכתּחילהדיקער, איך וואָלט געזאָגט, פּרעביאָגראַפֿישער זעונג. בײַ לייוויקן — מענטש־לעכע פּײַן און גאולה־באַגער; בײַ סוצקעווערן — יענע וויזיע, וואָס געטע (מע מעג זיך דערלויבן אים אָן שאָדן צוויי מאָל צו ציטירן) האָט זי פּאָעטיש פֿאָרמולירט אין די באַרימט־געוואָרענע פֿיר פֿערזן:

Ihr gluecklichen Augen,
Was je ihr gesehn
Es sei wie es wolle
Es war doch so schoen!

אַלע שוידערלעכקייטן פֿון חורבן ווערן דורך סוצקעווערס אויג, וואָס האָט אין זיך אַ שטיק פּאַגאַנישע לעבנספֿרייד און די קינסט־לערישע אויסגעלײַטערטקייט פֿון די אַלטע גריכישע מײַסטערס, פֿאַרדעקט מיט שיינקייט. די נאַטור אַליין איז אין סוצקעווערס זעונג אַ מיטאָלאָגישער קאַמף צווישן די געטער און אַ מין געזאַנג פֿון די צעשטורעמטע כּוחות צו זיך אַליין, אַ געזאַנג, וואָס היט אָפּ די שטרענגסטע פֿאָרמען פֿון פּראָסאָדיע:

מיט מאַרמאָרנע העקסאַמעטערס באַזינגען
די כוואַליעס דעם געוויטער. זייער קעניג
באַווייליקט שוין די "פּאַטריאַ" צו שלינגען...
דערווײַל איז זי דעם קעניג ווידערשפּעניק.
זײַן צאָרן ברענט. איז דאָ אַזאַ מין שפּאַסער?
ער גיט אַ הייב פֿון מיטן ים אַ סקאַלע.
אַ וואַלקנבראָך. אַ ליאַלקע שווימט אין וואַסער.

סוצקעווערס וועלט איז אַ סך מאָל אַזאַ בראשיתדיקע וועלט פֿון שיינקייט, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פֿון דער וואָס מיר קענען זי פֿון אונדזער ייִדישער גאַס. עס איז ניט די לאַנדשאַפֿט, וואָס אונדזערע מאָלער און פּאָעטן האָבן אַזוי באַזונגען און זי איז געוואָרן אַזוי נאָענט צו אונדזער געמיט. סוצקעווערס פּייזאַזש איז צו מאָל פֿרעמדלעך, אָבער ער איז אַזאַ וואָס איז בכּוח מיטצורײַסן דעם פּאָעזיע־ליבהאָבער אין אַלע שפּראַכן מיט דער וואָרהייט פֿון זײַן דיכטערישער זעונג און מיט דעם שווונג און מיט דער רענעסאַנסישער גבֿורה פֿון זײַן מיטאָלאָגישער בילד־לעכקייט.

ה. לייוויק — דער מאָראַליש־צעברויזטער אין זײַן באַנעם און אין זײַן געשטאַלטיקונג פֿון דער "דרויסנדיקער רעאַליטעט" און דער מאַן מיט דער משיח־וויזיע פֿון אחרית הימים, א. סוצקעווער — דער שיינקייט־באַרוישטער אין זײַן "פֿויגלדיקן טראָג / איבער מענטשן, וועלדער, פֿעלדזן, תּהומען — / צו דעם נײַעם, יום־טובֿדיקן טאָג" וואָס וועט קומען, ווײַל:

אַן איינציק בלעטל, אויב ס׳איז גרין און אמת
קאָן איבערלעבן צאָרנדיקן מבול.

צוויי גרונט־פֿאַרשיידענע פּאָעטישע געמיטער, הגם מיט דעם איין און דעם זעלביקן גלויבן אין דעם "נײַעם יום־טובֿדיקן טאָג" און — צוויי היפּוכדיקע פּאָעטישע סטילן, כ׳מיין, צוויי פּונקט פֿאַרקערטע אײַנשטעלן צו וואָרט און צו אימאַזש.

לייוויקס באַציִונג צום וואָרט איז אַ נזירותדיקע, אַ מאָראַליש־קריטישע. פֿאַר סוצקעווערן איז יעדעס וואָרט אַ כּלה, וואָס גייט צו דער חופּה.

לייוויק איז דער אַנטבלויזער פֿונעם ייִדישן וואָרט. ער געטרויט ניט דעם וואָרט. ער איז זײַן גרויס־אינקוויזיטאָר:

כ׳רײַס פֿון װערטער זיבן פֿעלן,
שאָלעכצן איך שייל און שייל,
ביז עס גיט אַ לויכט אין העלן
ס׳טיפֿע קערן אָפּן, הויל.

סוצקעווער איז, פֿאַרקערט, דער אײַנהילער פֿונעם ייִדיש־וואָרט. יעדעס וואָרט ווערט בײַ אים אַן אָרקעסטער פֿון קלאַנגען און אַ קאָמ־פּאָזיציע פֿון פֿאַרבן. סוצקעווער איז דער גרויסער ווירטואָז פֿונעם ייִדיש־וואָרט:

פֿון וואַנען האָט געשעפּט אַזוי פֿיל גינגאָלד
רעמבראַנדט? און טיציאַן, ראַפֿאַעל, וועלאַסקעס —
ווי קומט צו זיי אַזאַ רובינגאָלד, גרינגאָלד,
אַזוינע פֿרויען, קעניגלעכע מאַסקעס?
איך וועל דיר ווײַזן זייערע מאָדעלן:
דאָס זענען צפֿתער וואָלקנס, מיטן זונאויפֿגאַנג זיי קוועלן!

דער אמת איז, אַז ניט נאָר די צפֿתער וואָלקנס, נאָר אַלץ וואָס סוצקעווער באַגעגנט אויף זײַן וועג האָט ער דעם כּוח פּאָעטיש אַזוי צו געשטאַלטיקן —

כּדי די שיינקייט זאָל באַשטענדיק בלײַען.

און עס זאָל זײַן:

— — — דו זעסט אַזאַ דאָ
מוזיי, וואָס בלויז דו קענסט אים זען אין לוווּר און אין פּראַדאָ.

ווען פּרץ הירשביין דערציילט אין זײַן בוך "קינדער־יאָרן" (איינס פֿון הירשביינס געציילטע ווערק מיט אַ געדויערדיקן ליטעראַרישן ווערט) ווענן זײַן זיידן וואָס האָט געהאַט רויטע, געלע, בלאָע און ראַבע ניגונים, האָב איך דערפֿילט דעם טיפֿן אמת פֿון די מעלאָדיעס וואָס דער אַלטער מילנער האָט זיי דערקענט לויט זייערע קאָלירן. אָבער דעם צונויפֿשטעל פֿון ניגון און פֿאַרב אויף דער קינסטלערישער וואָר האָב איך ערשט דערזען אין סוצקעווערס לידער. די ווײַטערדיקע שורות פֿון דעם דיכטערס פּאָעמע "גײַסטיקע ערד" זענען בלויז איינער פֿון די אָן אַ שיעור שיינע מוסטערן פֿון דער סימפֿאָניע פֿון קלאַנג, פֿאַרב און ריח אין זײַנע פּאָעטישע רייד און בילדער:

אַקאַציע, ביסט אַ פֿידל־ריח, אָדער
ס'גערוך פֿון ערשטן קוש. איך ווער משוגע
ביים בשׂמים־רעגן אָונטצייט אין אָדר.
ס'ווערט יעדער צווייג אַ פֿאַרביקע פּאַפּוגע,
וואָס אונדזער האַר האָט אויסגעלערנט ריידן
זיין קדמון־לשון: מענטע־קלאַנגען, מירע
און אינגבער־גראַמען; אַז דער טעם גן־עדן
צעשפּאַרט מיט זיינע מוסקלען אי מיין דירה
און אי מיין ברוסט. און אַלץ וואָס איז געווען
דערשפּיר איך אין די בלוט־באַשפּריצטע בליענדיקע בעזן.

די ווערטער, די אימאַזשן און די גראַמען זענען דאָ צונויפֿבאַהעפֿט דורך קלאַנג, ריח און פֿאַרב. פֿידל־ריח, מענטע־קלאַנגען, מירע און אינגבער־גראַמען — איז געמאָלט אַ שענערע, אַ מער באַרוישנדיקע חתונה פֿון ייִדיש־לשון, ווי עס האָט דאָס אויפֿגעשפּילט דער ווירטואָז איבער ווירטואָזן אַ. סוצקעווער?
ווי אין די פֿריערדיקע לידערביכער זענען אויך אין סוצקעווערס פּאָעמע "גייסטיקע ערד" פֿאַראַן אַ שלל מיט יענע גוטע גראַמען וואָס זייער זיווג איז אַן אָרגאַנישער על־פּי געדאַנק און געפֿיל.
איך וועל דערמאָנען בלויז דריי: דעם זעערישן פּיטן, וואָס איז זיך על פּי גראַם משדך מיט געדיכטע צייטן; די בלויקייט, וואָס קומט צוריק אַשיק בלייכער און פֿאַרשפּריצט אויף די הענט בלויז אַ זכר און די דיגרעסיע, וואָס האָט זיך אין דעם דיכטערס סטראָפֿן גראַמיש באַגעגנט מיט בפֿרהסיא.
איך ברענג בלויז דריי מוסטערן, וואָס זענען אמתע חידושים הגם זיי פֿאַרחידושן אונדז שוין מער ניט אין סוצקעווערס גראַמען־רייכקייט.
אָבער איבערגעבן וויל איך ווי אַזוי סוצקעווער מאָלט אָפּ, זינגט אויס דעם מיזוג־גלויות מיט דער הילף פֿון אַזעלכע פּרימיטיווע אינסטרומענטן ווי די באַזונדערע בגדים פֿון יעדן שבֿט:

אַ פּוילישער שינעל געפֿינט אַ לשון
מיט פּאַפּעליאַטן בעסאַראַבער שפּענצער.
אַ טופֿליע זינגט צו ליטווישע קאַלאָשן.
און ווי אַ פּאַווע טראָגט אַ ווינער טענצער
זיין פּעלערינע. ספּאָדיקעס און היטלען
באַקומען ערשט אין רעגן זייער מראה.

פידזשאַקן, מאַרינאַרקעס, בלויע קיטלען,
דערציילן וועגן רײַסן און בוכאַרע.
אַ בורנעס מיט אַ גאַליציאַנער טיזליק
פֿאַרמעסטן זיך אין ייִחוס: ווער איז קאַרליק, ווער איז ריזליק?

קיינער פֿון די שבֿטים איז ניט קיין קאַרליק און אַלע ווערן זיי ריזליק אין דעם שטראָם פֿון סוצקעווערס וואָרט־עשירות און שפּראַך־ווירטואָזיטעט.

וועגן דעם גריכישן פּאָעט פינדאַר ווערט דערציילט, אַז ער האָט מיט זײַן ליד אָפּגעראַטעוועט די שטאָט ספּאַרטאַ פֿון אירע באַלעגערער. אונדזער ייִדיש־פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער קען ווי פינדאַר דעם כּוח פֿון ליד און גלייבט אין אים. ער זינגט:

אויב דו וועסט מיך באַשיצן פֿון די חיות,
באַצאָלן וועל איך דיר מיט גרויסע לידער
בײַם כּרמל, בײַם געזאַלבטן הר־הבית,
אַז יעדער שטיין וועט שפּרינגען ווי אַ ווידער.

סוצקעווערס לוין און סוצקעווערס זכות איז וואָס ער איז באַרעכטיקט צו די דאָזיקע שורות און מאַכט אונדז גלייבן אין זיי.

פּירקאָנטיקע
אותיות און מופּתים

מײַן האַרץ איז דורכויס מיט סוצקעווערן ווען ער בעט זיך אין אַ ליד פֿון זײַן בוך "פֿירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים": "דערצייל מיר ניט פֿון גוטע דײַטשן, ס'קערט פֿון דעם די גאַל". פֿון דעסטוועגן איז זיכער מותר צו ציטירן דעם גרויסן דיכטער געטע, וואָס איז ניט געווען קיין מיטצײַטלער פֿון די דײַטשע אוישוויץ־אויפֿטוערס און געהערט אין איינעם מיט זײַן בן־דור קאַנט און מיט שאָפּענ־הויער און ניטשע פֿון אַ דור נאָך אים צו דער וועלטס גײַסטיקע גדולים. און וואָס שייך געטע און שאָפּענהויער און צום טייל אויך ניטשע, האָבן זיי געהאַט אַ בפֿירושן ווידערווילן צו דײַטשער פֿאָלקישקייט און צום דײַטשן נאַציאָנאַליזם.

פֿון געטען שטאַמט דאָס געפֿליגלטע וואָרט, אַז קונסט איז דעם מענטשנס נאַטור; די נאַטור איז גאָטס קונסט. דער צד־השווה צווישן גאָטס נאַטור און דעם מענטשנס קונסט איז, דאַכט זיך, דער בײַנאַנד פֿון אַכזריות און שיינקייט. די נאַטור איז אַמאָראַליש און דאָס גרויזאַמע אין איר אַמאָראַלישקייט איז וואָס זי פֿאַרכאַפּט מיט איר שיינקייט.

און פֿאַר וועמען איז באַשאַפֿן געוואָרן די שיינקייט וואָס איז ווי אַ פּרוכת פֿאַר דער אוממאָראַלישקייט פֿון דער נאַטור? קיינער נעמט ניט אויף, ווי דער דיכטער, די דאָזיקע שיינקייט, קיינער איז ניט באַרעכטיקט מער צו דעם זעלבסט־קאָנצענטרירטן זאָג: פֿאַר מיר איז באַשאַפֿן געוואָרן די שיינקייט.

אָט איז די דערפֿאַרונג "ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן": דער פּאָעט סוצקעווער דערציילט אין זײַן ליד אונטער דעם דער־מאָנטן נאָמען וועגן אַזאַ איבערלעבעניש אי קינדווײַז און אי דערוואַקסענערהייט. אַוודאי איז פֿאַרבליבן אין דיכטערס געמיט דער פּחד פֿון אַ דעמב וואָס איז געשווומען איבער די וואַסערן "אין געשטאַלט פֿון אַ לייב נאָך אַן איבערגעציטערטער הינד", אָבער מער נאָך האָט דער פּאָעט פֿאַרצייכנט אין זיך קינדווײַז דאָס אויסטערלישע שפּילצײַגבילד אין דעם געוויסער:

צוליב מיר איז געשוווּמען אַ שטרויענער דאַך,
מיט אַ האָן אויבן־אָן אויפֿן שטרויענעם טראָן,
און זײַן קוקעריקו און זײַן גאַנצער פֿאַסאָן —
עלעהיי אַ ציגײַנער.

און דערוואַקסענערהייט האָט זיך אָפּגעמערקט אין דיכטערס זכּרון און געמיט אַ בילד פֿון, וואָלט איך געזאָגט, קאַטאַסטראָפֿישער שיינקייט:

ס׳איז געשוווּמען, ווי אונטערגעשאָסן, אַ פּיאַנע,
און אויף איר האָט געכליפּעט שאָפּען, ווי אַ רעגן,
ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן!

די ציטירטע שורות זענען לעבן צענדליקער און אפֿשר הונדערטער אַנדערע שורות אין דעם בוך אַ מוסטער פֿון סוצקעווערס פּאָעטישע אימאַזשן און בילדער. עס הויערט איבער סוצקעווערס ״פֿירקאַנטיקע אותיות״ די שיינקייט פֿון מופֿת. עס זיצט דער דיכטער בײַ זײַן שרײַבוואַרשטאַט און לעבט איבער וווּנדער־איבער־וווּנדער מיט זײַנע ייִדישע אותיות. נאָר מיט זײַנע ווערטער פֿילט ער זיך זיכער און זײַנע ווערטער מוזן באַווײַזן מופֿתים מיט זייער קלאַנג און פֿאַרב.

אַ קינסטלער ביסטו? שפּיל אויף שטיינער, ניט אויף
קיין קלאַווישן —

לאָזט דער פּאָעט רעדן צו זיך דעם מאַעסטראָ, און דער וווּנדער איז געשען: ״געשפּילט האָב איך אין יענער נאַכט אויף שטיינער״. ניט אומזיסט ווערן אין סוצקעווערס לידער אַזוי אָפֿט דערמאָנט גאונים פֿון מוזיק און פֿון מאָלערײַ: שאָפּען, רעמבראַנדט, וואַן־גאָג און שאַגאַל, און ניט אומזיסט ווערט באַזונגען אַ זעקס־יעריקער פֿידלער וואָס איז אַ האַר מיט זײַן אינסטרומענט און ״דערוועג זיך ניט זײַן וועג צו צוימען, פּענטן״; און ניט אומזיסט חלומט דער פּאָעט אין ״ערבֿ טאָג״, אַז:

ס׳וועט באַלד אַ סטראַדיוואַריוס אין זײַן אורמאָדעל, און אַלט
כּמעט ווי דער וואָס האָט אים אויסגעטרוימט אין זײַן געשטאַלט,
אַ שפּיל טאָן מיט אַזאַ מתיקות, אַז די זון די שווערע
פֿאַרלירן וועט איר וואָג
און ווערן טאָג.
און זי אַליין וועט קומען, זי — די זון — צו דער פּרעמיערע.

סוצקעווערס פּאָעטישע שורות לייענען זיך אָפּט ווי צייכנס צו אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע און זיי זענען, אפשר נאָך עפּטער, דער ווירטואָזער געמיש פֿון פֿאַרבן צו אַ דעפיניטיוון אויטאָפּאָר־טרעט, דעם אויטאָפּאָרטרעט פֿונעם קינסטלער, וואָס זוכט מיט זײַן פּענדזל "אויסצוהאַלטן בײַ דער אייביקייט עקזאַמען. / און האָט ער טאַקע אויסגעהאַלטן — איז ניט קלאָר דאָס בילד"...

קיין בעסערע אויטאָכאַראַקטעריסטיק פֿון דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער איז גאָר ניט געמאָלט. ניט תּמיד איז דאָס בילד קלאָר, אָבער אַלע מאָל איז דאָס ליד אַן אויסגעהאַלטענער עקזאַמען בײַ דער אייביקייט. מען הערט זיך אײַן אין די קלאַנגען פֿון סוצקעווערס ליד, מען קוקט זיך אײַן אין די פֿאַרבן פֿון זײַנע ווערטער און ניט די קלאָרקייט צי אומקלאָרקייט פֿון בילד איז דאָ וויכטיק. וויכטיק איז די איבערלעבעניש, אַז מען שטייט אין אָנגעזיכט פֿון אַ דיכטער וואָס האָט אויסגעהאַלטן מיט זײַנע ווערטער אַן אייביקייט־עקזאַמען און זיי, די ווערטער, ווי סוצקע־ווער זאָגט עס אַזוי אימהדיק־שיין אין זײַן ליד "איך לייג אַליין זיך ווערטער", וועלן זײַן זײַנע דורותדיקע אַזכּרה־מאַכער און "זייער זײַן זאָל אַלעמען געהערן".

דער אמתער פּאָעט איז קיין מאָל ניט קיין עקסצענטריקער. ער ברענגט ניט אַרויס געפֿילן, צו וועלכע דער לייענער קאָן ניט זײַן קיין שותּף. אָבער ער, דער אמתער און עכטער דיכטער, מאַכט קלאָר זײַנע געפֿילן אַפֿילו דעמאָלט ווען זײַן וואָרט און זײַן זעונג איז אומקלאָר. איז דען דער באַשאַף קלאָר און פֿאַרשטענד־לעך? איז דען דאָס קלאָרע און פֿאַרשטענדלעכע בילד, די מוזי־קאַלישע קאָמפּאָזיציע און דאָס ליד אין תּוך פֿאַרשטענדלעך? דאָס סאַמע קלאָרסטע און פֿאַרשטענדלעכסטע אין זיי איז דער אָטעם פֿון באַשעפֿער.

אין די ציקלען לידער באַנאָמענט "בײַם פֿײַער־שפּיגל" און צו מייסט אויך אין די אָפּטיילונגען "סיגנאַלן" און "וועלט צוקאָפּנס" זעען מיר דעם דיכטער אין זײַן אַרבעטשטוב מיט זײַן שאַפֿונגס־געצײַג אין האַנט און עס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אַ קינסט־לערישער ספּעקטאַקל פֿון צונויפֿבאַהעפֿטן וואָרטקאָלירן און פֿון צונויפֿשפּילן וואָרטמוזיק צו אַ סימפֿאָניע פֿון קלאַנג און פֿאַרב, וואָס האָט ניט קיין אַנדערע צילן ווי נאָר די דאָזיקע הויכע קונסט־דערגרייכונגען אַליין.

דער קינסטלער טוט תּפֿילה:

שענק מיר ווערטער וואָס געשאַנקען האָסטו זיי ניט קיינעם,
ווערטער ניט פֿון דאַנען, דין־געאָדערטע קול־דממהס.
קענען זאָל איך שמועסן מיט מײַנע טויטע שכנים,
ס׳זאָלן זיך צונויפֿשווײַגן ווי ליפּ צו ליפּ — נשמות.

און מען מוז מודה זײַן אַז דער, וואָס לעבט אייביק און האָט דעם כּוח צו באַווייליקן אַזאַ קינסטלערישע גאָב, האָט אַרויסגעוויזן זײַן גנאָד צום דיכטער. אַבֿרהם סוצקעווער רעדט פּאָעטיש מיט אַ קול, וואָס קיינעם איז עס ניט געשאַנקען אַחוץ אים, נאָר אים. ער איז אין דעם פּרט איינער פֿון די געציילטע ייִדיש־דיכטערס.

אין דער אָפּטיילונג ״זכר לגעטאָ״ איז דער קינסטלער דער דיכטער פֿון דריטן חורבן.

דער באַזינגער פֿון ״געהיימשטאָט״, דער לירישער דערמאָנער פֿון דער ״לערערין מירע״ און דער געשטאַלטיקער פֿונעם דיאַלאָג צווישן טאַטן מיט זײַן אייגן טעכטערל מכּוח אירע ליאַלקעס אין דעם ליד ״שפּילצײַג״, האָט אין ״זכר לגעטאָ״ נאָך אַ חורבן־ליד, וואָס וועט ווי די פֿריִער דערמאָנטע גיין איבער דורות און דורכנעמען יונג און אַלט מיט דעם ווינד־און־ווי פֿון יענע טעג, ווען זייערע זיידעס זענען געזעסן בײַ די שוועלן פֿון היטלערס גאַזאָויוונס, געשקלאַפּט, געוויינט און — אומגעקומען.

דעם ״איכה ישבֿה״ פֿון יענער צײַט פֿאָרמולירט דער דיכטער סוצקעווער אין דרײַ פֿערזן וואָס זענען אי בילדעריש אויפֿטרייסלענ־דיק, אי צימצומדיק אין ווערטער און אי זיי שעפּן אויס דעם ווייטיק און די איינזאַמקייט פֿון די געפּײַניקטע:

אַ פֿאַלק, צונויפֿגעשפּיליעט אין ווײַסהאָריקער בהלה
מיט זיכער־נאָדלען געטלעכע פֿון שרעק! און דער באַשאַף
באַהאַלט זיך אין די שמוצקאַנאַלן פֿינצטערע ווי סמאָלע.

איך לייען און איך באַוווּנדער די פּרעציזע קנאַפּקייט פֿון דעם געמעל. גאָרניט איז ניט אויסגעלאָזן און אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין דעם בילד. די בהלה איז ווײַסהאָריק ווײַל זי האָט אויפֿגעשראָקן פֿון זייער ביסל מנוחה די זקנים, און זי איז ווײַסהאָריק ווײַל די שוואַרצע האָר פֿון די יונגע זענען איבער־נאַכט ווײַס געוואָרן פֿאַר פּחד. דאָס פֿאָלק אין דער בהלה איז צונויפֿגעשפּיליעט מיט די זיכער־נאָדלען פֿון גלויבן. דאָס זענען זיכער־נאָדלען פֿון שרעק. גלויבן

איז צו ווייניק באַוואָרעניש אין אַזאַ בהלה און נאָך ווייניקער באַוואָרעניש זענען די זיכער־נאָדלען געטלעכע, ווען די שרעק שפּיליעט זיי אַריַין אין געמיט.

און דער באַשאַף וואָס באַהאַלט זיך אין שמוצקאַנאַלן פֿינצטערע ווי סמאָלע, זענען ניט נאָר די געיאָגטע וואָס אַנטרינען און באַהאַלטן זיך דאָרט אויס פּאַרן יאָגער, נאָר נאָך פֿינצטערער זענען די שמוצקאַנאַלן פֿון אַכזריות און גלייַכגילטיקייט, מיט וועלכער דאָס פּאָלק אין דרויסן, די צוקוקערס מיט צופֿרידנקייט און מיט מורא, באַהאַלטן זיך אויס אין דעם שמוץ פֿון זייער געוויסנלאָזיקייט.

איך האָב ציטירט די דריַי סך־הכּלדיקע שורות פֿון סוצקעווערס "איכה ישבֿה" ווייַל זיי זענען דער פּרעליוד צו דער אויסנעמלעך־אויפֿשוידערנדיקער און — אויסנעמלעך שיינער עלעגיע "הייַנט איז יאָרצייַט" (אויך דער אָריגינעלער "איכה ישבֿה" פֿון דעם נבֿיא ירמיה איז געמאַכט מיט דער גאַנצער פּראָסאָדישער זאָרגעוו־דיקייט, פֿאַר דעם ריטעם, פֿאַר דער בילדערישקייט פֿון די דעטאַלן און פֿאַר דער קאָנסטרוקציע פֿון דער פּאָעמע).

די דעטאַלן, וואָס דער דיכטער רעכנט אויס און פֿאַרצייכנט הייַנט דעם יאָרצייַט נאָך זיי, זענען אַ קאָמפּאָזיציע פֿון וויכטיקע און, עס קאָן זיך דאַכטן, אומוויכטיקע פּרטים, אָבער אַלע שטעלן זיי צונויף די אַטמאָספֿערע פֿון דער צייַט, דאָס לעבעדיקע לעבן פֿון די ייִדן אין יענער צייַט און אַלץ וואָס דער צורר האָט דעמאָלט אומגעבראַכט און צעשטערט. אַלע דעטאַלן וואָס דער דיכטער דערמאָנט זענען אָנגעלאָדן מיט סימבאָליק:

הייַנט איז יאָרצייַט נאָכן שמייכל איבער וואַלד און פּליין,
יעדער האָט הייַנט יאָרצייַט נאָך זייַן שוועל, נאָך זיך אַליין.

הייַנט איז יאָרצייַט נאָכן רעגן נייַנצן פֿערציק דריַי,
נאָכן לעצטן קאַרשנבוים און שוועלבעלע דערבייַ.

הייַנט איז יאָרצייַט נאָך מייַן צייַט, פֿאַרפֿרוירן אין פּאַנאַר,
הייַנט איז יאָרצייַט נאָך מייַן מאַמעס געלן סאַמאָוואַר.

נאָכן שניי, פֿון מייַנע ווייַסלען אויסגעשנייט, בשעת
איך האָב צוגעדעקט מיט אים דעם קבֿר פֿון מייַן גאַס.

הייַנט איז יאָרצייַט נאָך די צוויי מלאכים בייַ מייַן בעט,
הייַנט איז יאָרצייַט נאָכן צפֿון־שטערן ערגעץ העט.

יאָרצײַט נאָכן שפּיגל מיטן בלויען טײַך אין ראַם
ווו עס באָדן זיך די ליכט און שאָטנס פֿון מײַן שטאַם.

הײַנט איז יאָרצײַט נאָך אַ שבת, ריין ווי אַ בריליאַנט,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער פֿידל אין מײַן חבֿרס האַנט.

הײַנט איר יאָרצײַט נאָך אַ לײַב אין פֿריידיקן אַנטבלויז,
הײַנט איז יאָרצײַט נאָך דער לעצטער יאָרצײַטליכט אין קלויז.

אַלע סימבאָליזירן זיי די לאַנדשאַפֿט, דעם שטייגער־לעבן, דעם דיכטערס ביאָגראַפֿיע און דעם דיכטערס חבֿרשאַפֿטן.
און אַלע דעטאַלן ווערן אָפּגעשלאָסן און אַרומגערינגלט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ אין דער ערשטער און אין דער לעצטער סטראָפֿע פֿון דער עלעגיע. ווי בײַ יציאת מצרים ווייסן מיר אויך בײַם חורבן פֿון דער יידישער אייראָפּע בלויז דעם "כּחצות" פֿון דעם אומקום פֿון אונדזערע קדושים. דער דיכטער האָט דעם כּוח און די וויזיע פֿון דעם פּינקטלעכן "בחצות".

אל־נקמות, הײַנט איז יאָרצײַט, יאָרצײַט. הײַנט. אַצינד —
ווען גערופֿן האָט צו דיר אַן ערשט געבוירן קינד.

יעדער ערשטער געשריי פֿון אַ נײַ־געבוירן יידיש קינד וואָס איז דער אָנזאָג פֿון פֿאָלקישן אויפֿקום איז אויך דער טאָג, די שעה, די רגע פֿון דעם יאָרצײַט נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.
אין דעם לעצטן פּערז פֿון דער עלעגיע הערט מען ממש דעם קרעכץ און מען זעט די ציטערדיקע האַנט וואָס צינדט אָן די יאָרצײַטליכט:

אוי, נאָך אַלע וויגלידער פֿון אונדזער עיר־ואם!

אָט די איינע לעצטע שורה פֿון דעם געקלאָג קאָנצענטרירט אין איר יאָרצײַטפּלאַם אי דעם ביאָלאָגישן און אי דעם גײַסטיקן חורבן פֿון ווילנע: די קינדער אומגעקומען, די וויגלידער פֿאַר־שטומט און אונטערגעגאַנגען די עיר־ואם, וואָס איז געווען דער צענטער פֿון יידישער לערנונג און פֿון יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן.
איך בין ווײַט ניט זיכער צי מײַן אַנאַליטישער פּירוש העלפֿט סוגעסטירן די שווידערלעכע שיינקייט פֿון דער "הײַנט איז יאָרצײַט"־

עלעגיע, איך זאָג שוידערלעכע שיינקייט און דערביַי נעמט דער שוידער פֿון די דערמאָנטע געשעענישן אַפֿילו ניט איין מאָל קיין הויכן טאָן. אַלץ ווערט געזאָגט בלחש, דממה־דקהדיק מיט אַ שאָפּענישן כליפּ איבער דער פּיאַנע, "ווען דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן".

אין טאָג פֿון יאָרצײַט, אין יעדן הײַנט וואָס איז אַ יאָרצײַט, קומען אויף דערמאָנונגען ("מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פֿון מײַן זכּרון" — זאָגט סוצקעווער אין זײַן ליד "אין בלויע העמדער"), אימהדיקע בילדער זענען דאָס:

צעווישן בלאָנדע ביקסן און זיך צלמדיקע גויִים —
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן, יאָרן,
פֿון דולהויז צו דער געטאָ קראַנקע ייִדן, משוגעים.

און אָט איז אַ מענטשל אין שפּיטאָל "ווי טויזנט פֿאַרשאָלטענע יאָר וואָלט ביז איצטער געלעגן אין תּפֿיסה", און אָט אַ לאָדזשער בדחן אין שענק "יורדי הים" אין אַלט־יפֿו וואָס פֿאַר ווען זאָל ער שפּילן זײַן בדחנות אַז "טויטע ריידן ייִדיש און די לעבעדיקע — ניין", און דער פֿאַקט "אויף מאָרגן נאָך אַ נאַכט אין יפֿו" וואָס דערציילט דאָס אומגלייבלעכע אָבער וואָרע אַז דער און דער איז פּלוצעם ניטאָ.

סאָראַ שפּיל און שגעון
צו באַשאַפֿן אַזוי פֿיל ניטאָען.

(אויב צוויי ווערטער האָבן זיך אַ מאָל אין די ממעמקים אָנגעקערט על פּי גראַם איז דאָס זיכער שגעון מיט ניטאָען).

איך האָב פֿונעם דיכטערס גיהנום־דערמאָנונגען אין די לידער־ציקלען "זכור לגעטאָ" און "אַלט־יפֿו אין רעגן" געבראַכט בלויז די עטלעכע דערמאָנונגען סוצקעווערס, ווײַל אין זיי קומט צום אויסדרוק צונויפֿגעטוליעטקייט מיט ייִדן און מען פֿילט די טיפֿע איבערלעבעניש פֿון זײַן "ייִדנפֿרייד אין צער". אין תּנך — ספֿר זכריה (ט, ט) ווערט איבערגעגעבן די וויזיע פֿון משיחן "אַן אָרעמאַן און רײַט אויף אַן אייזל" (הוא עני ורוכב על חמור). אין סוצקעווערס זעונג פֿון די קראַנקע ייִדן משוגעים וואָס גייען אין בלויע העמדער פֿון דולהויז צו דער געטאָ, מאַרשירט "אויך משיח אונדזער האַר, / אין זעלבן העמד וואָס אַלע, בלוי ווי די ווילִיע".

איך מוז זאָגן אַז איצט נאָכדעם ווי:

דער שמייכל פֿון מײַדאַנעק פֿאַלט
אויף חתונות און בריתן.
— —
אין קנייטשן פֿון דײַן ברויט־און־זאַלץ,
געזאַלצענעם געוויסן —

אַפּעלירט צום ייִדישן געמיט מער די משיח־זעונג פֿון דעם דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער ווי די וויזיע פֿון זכריה, דעם זון פֿון ברכיה, דעם זון פֿון עדו, דעם נבֿיא.

געהיימשטאָט

אַזוי האָט אַן אַנדער מין כּוח, אומענדיק,
מיט עקל־געשטאַנק זיך געראַנגלט, געוואָרגן,
צום סוף מיט געוואַלד אים פֿאַרביטן אויף שטענדיק
אויף ריח פֿון היישניט אין פֿרישן פֿרימאָרגן.

דער אַנדער מין כּוח, וואָס וועגן אים דערציילט אַבֿרהם סוצקעווער אין זײַן העראָישן מאַרטירער־עפּאָס "געהיימשטאָט", באַשטייט אין דעם וואָס דער דיכטער סוצקעווער האָט די קראַפֿט צו פֿאַרוואַנדלען נאַטוראַליסטיש־גראָבע ווירקלעכקייט אין סובלימער עסטעטישער מיסטעריע.
ווען משה לייב האַלפּערן, וואָס געהערט אין איינעם מיט אַבֿרהם סוצקעווערן צו דעם ווייניקער ווי אַ מנין גרויסע דיכטערס, וואָס מאַמע־יידיש האָט אַרויסגעבראַכט אין אַלע דורות פֿון איר שעפֿע־רישקייט, נעמט אָפּווישן די ווירקלעכקייט מיט זײַן פֿאַנטאַזיע, איז ער זיך באַוווּסט אַז ער טוט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַפּריזנע־פּאָעטיש שטיקל אַרבעט בלויז פֿאַר זיך אַליין. ער ווייס, אַז ער האָט די רעאַליטעט מיט זײַן טרוים ניט געביטן און אַוודאי ניט באַזיגט. פֿאַרקערט: עס איז דעם דיכטער משה לייב קלאָר, אַז דער זיגער וועט זײַן ניט זײַן דמיון, נאָר די ווירקלעכקייט און ער שרײַבט שוין פֿון לכתּחילה אַן עלעגיע אויף דעם "שלימזלדיקן פּאָרל": דער דיכטער און זײַן טרוים:

דאָס איז דער תּכשיט משה לייב,
וואָס וועט אַ מאָל דערפֿרירן
בעת ער וועט פֿון פֿרילינגצוויט
און בלומען פֿאַנטאַזירן;

דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער האָט גאָר אַן אַנדערן מין כּוח. זײַן בענקשאַפֿט און זײַן טרוים זענען ניט פֿאַרצווייפֿלט און אַפֿילו ניט סקעפּטיש און — ממילא ווײַט פֿון עלעגיע.

און האָב איך געבענקט נאָכן סיריוס און וועגאַ —
איז האָט זיי מײַן בענקשאַפֿט געבראַכט, אין אַ רגע.

די בענקשאַפֿט איז אין דער פּאָעמע וועגן די ווילנער קאַנאַלן, ווו עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער דיכטער אין דער מיט פֿון זײַן "פֿאַלק זאַלבע צענט", געוואָרן ווירקלעכקייט־שפּעריש. עס איז אַ פּאָעטישע ווירקלעכקייט באַלויכטן מיט דער העלקייט פֿונעם ווײַסן שטערן סיריוס און מיט דעם ליכט פֿון דעם גרויסן שטערן וועגאַ, וואָס איז באַשטענדיקער און זיכערער ווי די רעאַליטעט פֿון דער קאַנאַלן־פֿינצטערניש, וואָס הויערט הינטער דער ליכטיקייט פֿון סוצקעווערס העראָישן עפּאָס.

פֿאַליע, דער קאָמאַנדיר פֿונעם "פֿאַלק זאַלבע צענט" האָט געשווירן, אַז ער וועט די "געהיימשטאָט" באַזאָרגן מיט עלעקטרע און —

אַ דראָט פּרוּווט ער ציִען אַהער צו פֿון קאַבל
און ליכטיק זאָל זײַן אונטער נעסט פֿון מחבל!

איז פֿאַליעס אויפֿטו אַוודאי צו באַוווּנדערן. עס איז אים געראָטן דורכצורײַסן מיט דעם ליכט פֿון עלעקטרע דעם חושך־מצרים און צו שאַפֿן אַ ביסל באַוועגונגס־מעגלעכקייט פֿאַר די וווינערס אין דער פֿינצטערניש פֿון די ווילנער קאַנאַלן.

אָבער ווער קאָן אויפֿהערן צו שטוינען איבער דעם דיכטער און איבער זײַן קינסטלערישן כּוח צו פֿאַרוואַנדלען די גיהנום־ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט פֿון פֿיזיש און זעליש צעטראָטענע מענטשן, וואָס לעבן ווי די מײַז אין אונטערערדישע לעכער, אין אַ העראָישער לעגענדע, אין אַ וווּנדער־מעשׂהלע פֿון ליכט, מוזיק און שיינקייט? ווען איך זאָג, אַז "געהיימשטאָט" איז אונטער סוצקעווערס פּען געוואָרן אַ העראָישע לעגענדע, האָב איך ניט אין זינען דעם העלדיש־פּאַסיוון ווידערשטאַנד פֿון לעבן, וואָס עס ווײַזט אַרויס דאָס "פֿאַלק זאַלבע צענט" און אויך ניט, און אַפֿילו ניט, פֿאַליעס און דבֿורלס העלדיש־פּאַרטיזאַנישע עקסקורסיעס פֿון דעם תּהום אַרויס אויפֿצורײַסן דײַטשישע אַמוניציע־טראַנספּאָרטן. מיט דער באַצייכענונג העראָישע לעגענדע און וווּנדער־מעשׂהלע וויל איך פֿאַר אַלעמען אונטערשטרײַכן און אַרויסהייבן די ליכטיקע פּאָעטישע אימאַזשן, די נאַטורבילדער און די מוזיקאַלישע מיסטעריעס, וואָס לויכטן אַרויס פֿונעם דיכטערס געמיט און הילן אײַן די גיהנומדיקע "געהיימשטאָט" אין אַן אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער, איך וואָלט געזאָגט, אין אַ דעמאָנישער שיינקייט.

עס איז באמת ניט קיין חידוש, וואָס דער באַשעפער האָט זײַן אייגענעם גיהנום אויף דער ערד ניט דערקענט און ניט געגלייבט אין זײַן ווירקלעכקייט, ווען דער דיכטער האָט נאָך דער באַפרײַונג "געפונען זײַן בינטל דערשראָקענע גראַמען" און —

ביי נאַכט עס געלייענט דעם גאָט פון די אָבות,
נאָר גאָט האָט געמיינט ס'איז ניט מער ווי אַ מעשׂה,
געקנייטשט פון דער הייך מיט די שטערן די ווײַסע.

אויף צו באַרעכטיקן פאַר וואָס גאָט אַליין האָט ניט דערקענט דעם גיהנום אין די ווילנער קאַנאַלן, וואָלט איך געדאַרפט ציטירן איינס נאָך ס'אַנדערע די בילדער פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, כּדי צו ווײַזן ווי דער דיכטער פירט דורך איבער זיי אַ גרינטלעכן קינסטלעריש־עסטעטישן "ביעור חמץ" און דערהייבט אַיעדעס פון זיי צו ליכט און צו מוזיק.
דאָס "פאָלק זאַלבע צענט" ווערט ניט אין דער נידער אין די קאַנאַלן, נאָר אויפן אָלימפּ, אויף דעם באַרג פון די געטער, אין "דער צעשטערנטער וועלט", וווּ אַלץ איז שיין, ווײַל גראַנדיעז און קאָסמיש.
איך וועל ברענגען בלויז צוויי עדות: דבֿורלען און דעם פּרוש.
דבֿורל שפּאַצירט אין "שטורעם־קאַנאַל", וואָס איז אַזוי הויך, אַז זי גייט כּמעט ניט־געבויגן.
קודם עטלעכע רעאַליסטישע קאַנאַל־דעטאַלן:

צו ערשט קומען שטיקעלעך גלאָז און באַרירן
זיך איינס אָנעם אַנדערן. בלעכלעך און טשוועקעס
פאַרשטאַרקן דאָס פּלוישעכץ אין וואַסערס געהירן.

אָבער דערנאָך הייבט זיך דאָס בילד אויף און עס ווערט אַן אָלימפּישע זעונג און אַ הימלישער קאָנצערט:

פאַרקלעזמערטע שאָטנס באַווײַנען די שטרעקעס.
און ווי אויף קלאַווישן עס טראָגט זיך דאָס מיידל,
פאַרגעסן וווהין און צו וועמען זי וואַנדלט.
פאַרבאַרגענע טענער, געשליפן און איידל,
זיי האָבן די רער אין אַ גאָרטן פאַרוואַנדלט.
צאַף־צאַף, צאַף־אַצאַף, עס באַטרעלן, דערפרייען
אין גאָרטן, לבֿנהדיק־צאַרט, סאָלאָווייען.

און אָט איז דער צווייטער עדות, דער פּרוש ר' נתן, וואָס האָט

זיך אַ נאַכט פֿאַר יום־כּיפּור אַרויסגעגליטשט דורך אַ געעפֿנטער גראַטע און איז אַוועק זאָגן סליחות אויפֿן חרובֿן שולהויף. אַזוי ווײַט דער רעאַליסטישער סיפּור־המעשׂה, אָבער ר׳ נתנס גאַנג צו דער חורבה:

פֿון בערגל צו בערגל פֿאַרהוילן ער ציט זיך
ווי איבער אַן אָפּגרונט אַ שפּין אויף אַ פֿאָדעם.
די שטערן זיי טראָגט ער אין האַרצן שוין מיט־זיך,
זיי לײַכטן אַזש אונטער די פֿאַרמעטנע בגדים.
עס וויגט אין דער לופֿט זיך די בלאָע גאַלעריע
מיט ניט קיין פֿאַרגאַנגענע פֿידל און צימבל.
זי שפּילט פֿאַרן פּרוש אַצינד איר מיסטעריע
אויף חרובֿער ייִדישער גאַס, ווי אַ סימבאַל.

איך האָב באַצייכנט די זעונגען ווי אָלימפּישע, ווײַל זיי פֿאַרמאָגן מאַיעסטעטישן ריטעם, קלאַסישע פּרעציזקייט, וואָס זי איז געווען דער מוזיקאַלישער גרונטטאָן פֿון די גריכישע טראַגעדיעס. אַזאַ מין ניכטערע עקזאַלטירטקייט, אַזאַ דעמאַנישע עסטעטיק, אַזאַ מין קלאַסיש־שטרענגן טאָן און דערבײַ ערגעץ ווו אַ ראָמאַנטישע סוגעסטיווקייט אין דער מיט פֿון ברוטאַלן נאַטוראַליזם — האָט פֿאַרמאָגט שאַרל באָדלער אין זײַן לידערבוך ״פֿלער די מאַל״.
באָדלער, דער דיכטער פֿון ״דעקאַדענץ״, דער באַזינגער פֿון ״צעפֿוילטן פֿלייש״, באַגעגנט זיך אין זײַן וועלטבילד מיט דער לכאורה היפּוכדיקער וועלטזעונג פֿון די אַלטע גריכן, וואָס איר עיקר איז געווען דאָס געזאַנג פֿון ליבע צום לעבן און צו אַלע פֿאָרמען פֿון לעבן דאָס לעבן. זיי באַגעגענען זיך איבער ווײַטע יאָרהונדערטער, דער פֿראַנצויז באָדלער, דער זינגער פֿון ״צעבליטן שלעכטס״ מיט, זאָגן מיר, דעם טעבאַנער פּינדאַר, דעם באַזינגער פֿון די געטער און העלדן — זיי באַגעגענען זיך אין דער אָדע צו דורכויס שיינקייט, וואָס איז דער אידעאַל פֿון פּאָעטישן וואָרט קעגן און להכעיס דער מאָראַל (בײַ באָדלערן) און טראָץ געוויסע מאָראַלישע ווערטן (בײַ פּינדאַרן).
און אויב עס איז פֿאַראַן אין דער ליטעראַטור פֿון אונדזערעביידע לשונות אַן אַפּאָליניש געמיט און אַן אַפּאָלינישע וועלטזעונג פֿון ״דורכויס שיינקייט״, איז עס ניט געווען דער דיכטער פֿון ״לנוכח פּסל אַפּולו״, שאול טשערניכאָווסקי ז״ל, נאָר, אים צו לאַנגע יאָר, דער פּאָעט פֿון ״סיביר״, פֿון ״געהיימשטאָט״ פֿון ״אָדע צו דער

טויב״ און פֿונעם ״גרינער אַקוואַריום״, אַבֿרהם סוצקעווער. (דער אמת וויכטיקער העברעיִשער דיכטער איז טשערניכאָווסקי ניט ווען ער באַזינגט די סטאַטוע פֿון אַפּאָלאָ, נאָר ווען עס זינגט פֿון אים אַרויס די אידיליע פֿון דעם ייִדישן שטייגער־לעבן).

איך האָב אויסגערעכנט נאָר עטלעכע פֿון סוצקעווערס לידער־סער־יעס, אָבער יעדע אַנדערע פֿון זײַנע לידער־זאַמלונגען קאָן צום גרויסן טייל באַשטעטיקן, אַז אַפּאָלאָ, דער גאָט פֿון שיינקייט, האָט אַראָפּ־געניִדערט פֿונעם אָלימפּ און איז געוואָרן אַ תּושב אין סוצקעווערס לידער און פּאָעמעס. ער ראַנגלט זיך דאָרט דראַמאַטיש מיט דעם ייִדיש־דיכטערס זעונגען, מיט זײַנע געשטאַלטן און אויך מיט דעם סיפּור־המעשׂה און — איז מנצח. אַפּאָלאָ פֿאַרוואַנדלט די מיאוסע, אויפֿן בויך פּויזענדיקע ווירקלעכקייט אין גראַנדיעזער באַפֿליגלטער מיטאָלאָגיע.

נאָך קיין מאָל האָט אַפּאָליניש געמיט ניט אַזוי אָרגאַניש געהויזט אין די ״טײַערע ייִדישע אותיות״ ווי אין די לידער פֿון דעם מיכאַ־לישאָקער רבֿס אייניקל אַבֿרהם סוצקעווער. עפּעס איז דאָ אויפֿן שטח פֿונעם ייִדיש־פּאָעטישן וואָרט געשלאָסן געוואָרן אַ מעמאָראַבלער ליבע־זיווג, וואָס דערמאָנט אין יענעם שידוך, וואָס אַ גרויסער פֿאַרצײַטישער ייִדישער טראַכטער האָט געפּרוווט דורכצופֿירן צווישן ייִדישקייט און העלעניזם אויף דער ליניע פֿון געדאַנק.

אַז די דאָזיקע באַהעפֿטונג איז ניט געווען סוצקעווערס בלויז אַ דיכ־טערישע שטימונג, נאָר אַ קינסטלערישער וועלטבאַנעם אויסגעלייגט אין פּאָעטישע בילדער און רייד, דאָס קאָן מען צום בעסטן זען פֿון דעם ליד ״אַ דיכטער בײַ נאַכט״, וואָס סוצקעווער האָט געשריבן אין 1937. דער פּאָעט האָט אין יענעם ליד אָנגעצייכנט פֿאַר זיך דעם שאַפֿונגסוועג: ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַוועקגעשטעלט דעם דירעקטיוו פֿאַר זײַן דיכטערישער וויזיע. דער דאָזיקער דירעקטיוו איז ניט געווען קיין אויסגעמוטשטע טעאָריע, נאָר דער אַנטפּלעקטער ״אַנדער מין כּוח״ פֿון זײַן פּאָעטישן געמיט:

שעפּסענע שטילעניש. ווײַסע באַהילעניש. מאָכיק
שאַרן זיך שוויַיגיקע שאָטנס אין ליבשאַפֿט און שרעק.
אָבער דער שאָטן פֿון דיכטער, געזאַנגיק און קנאָכיק,
וואַקסט זיי אַריבער און לייגט זיך ברייטהאַרציק אַוועק
אויף די פֿאַרגליווערטע ליימיקע בערג ווי אַ טלית.
אַלץ ווערט פֿאַרוואַנדלט אין קאָסמישן בלוט. און עס קוועלט

האַסטיק אַרײַן אין זײַן לײַב מיטן ריטעם פֿון כוואַליעס.
דורך זײַנע אָדערן רוישט די צעשטערנטע וועלט,
ביז עס צעשיטן זיך, פֿינצטערן אויס די פּמליות.
ליכט פֿון די וועגן צעהעלט
דורך די נאַכטיקע וועלדער.

און פֿון דעמאָלט איבער אַלע פֿינף און צוואַנציק יאָר זינט דעמאָלט און ביז הײַנט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו יום־טובֿן זײַן ערשטן יובֿל פֿון לעבן, האָט דאָס ליכט פֿון שיינקייט צעהעלט די ״נאַכטיקע וועלדער״, די סיבירער און די געטאָ־פּאַרטיזאַנישע וועלדער, אין סוצקעווערס ליד:

אַ האַנט איז געשווומען פֿון קאָסמישע ברעגעס,
פֿאַרוואַנדלט די מענטשן אין לויטער לעגענדע.

און ניט אַנדערש נאָר לעגענדע איז אויך סוצקעווערס פּאָעטיש לשון פֿון זײַן ערשטן בוך ״לידער״ אין 1937 און ביז צו זײַן נײַסטן בוך. סוצקעווערס פּאָעטיש לשון זע איך בבחינת פֿון די לעגענדאַרישע ״אותיות פורחות״. עס זענען ״אותיות פורחות״ צעפֿלויגענע ניט פֿון עפּעס אַ דרויסנדיקער שׂריפֿה נאָר פֿון אַן אינעווייניקסטן שעפֿערישן פֿלאַם. סײַ די אויסטערלישע גראַמען מיט אַ מערקווערדיקער מיסטיש־בראשיתדיקער קרובֿישאַפֿט ווי דאָרטן מיט דער קבֿר ווי גדליה ווערט אָרטן, און דער קאַבל מיט מחבל און סײַ די אומצייליקע חידושי לשון (מײַן געברענגערין, מײַן אומלעבן, ווײַסע באַהילעניש וכו׳), זענען ניט דער געניטער אויפֿשפּיל פֿון מוזיק, נאָר טאַקע די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע גופֿא. קאָן מען זאָגן וועגן אַן אָדלער, אַז ער איז אַ ווירטואָז פֿון פֿליִען? ניין! דאָס פֿליִען איז מער, אַ סך מער, ווי ווירטואָזיטעט. עס איז דער אָדלער גופֿא. סוצקעווערס פּאָעטישע פּראָזע באַשטייט פֿון ווערטער אָנגעלאָדענע מיט געדאַנק און געפֿיל, וואָס עס וווינט אין זיי פֿון לכתחילה די לײַדנשאַפֿט און די מסירות־נפֿש פֿון פֿלי צו שיינקייט.
וועגן וואָס פֿאַר אַ וועלט עס זאָל ניט דערציילן סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט, שוועבט עס אין די הייכן. עס בלענדט מיט אומגעז־אַנטע קאָלירן און באַצויבערט מיט אומגעריכטע קלאַנגען. אין טרויער און אין פֿרייד איז עס אַלע מאָל אַ וואָרט, וואָס באַרויִקט, אַפֿילו ווען עס שוידערט אויף, און עס דערהייבט אַפֿילו ווען עס צעטרייסלט. עס איז שיין סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט. עס איז אויסטערליש שיין. עס באַצויבערט.

פֿאַר וואָס האָב איך צום יובֿל פֿון אונדזער פּאָעט גראָד זיך אָפּגעשטעלט אויף „געהיימשטאָט"? איך האָב עס געטאָן, ווײַל פֿון אַלע וועלטן איבער וועלכע עס האָט געוואַנדלט סוצקעווערס ליד, איז קיין מער גיהנומדיקע, קיין מער גראָבע, קיין מער ברוטאַלע און מערדערישע וועלט גאָר ניט געמאָלט. זי איז אַן אויסנעמלעכע אין פּרט פֿון תּליִנישן נאַטוראַליזם אין דער ייִדישער מאַרטירער־געשיכטע און אויך אין דער היסטאָריע פֿון דער מענטשהייט.
אַוודאי איז גערעכט פֿאַליע, אין סוצקעווערס פּאָעמע, אַז —

— פֿאַרגעסן? זאָגט פֿאַליע, זאָל ווערן בײַ יענעם
פֿאַרגעסן דער נאָמען ווער ס'וועט ניט געדענקען
דעם תּלין און רויזן פֿאַרזייען אין גיהנום.

אָבער געבענטשט זאָל זײַן, זאָג איך, דער פּאָעט, וואָס האָט דאָס „פֿאָלק זאַלבע צענט" דערהייבן איבער אָט דער פֿינצטערניש און האָט זיי אַלע סײַ בײַם לעבן און סײַ נאָכן טויט געשענקט די שיינקייט פֿון גאָטס נאַטור און דעם כּוח פֿון געטלעכן דמיון. די קומענדיקע דורות זאָלן ניט נאָר ניט פֿאַרגעסן דעם גיהנום, נאָר זאָלן אויך געדענקען די שיינקייט פֿון די „זאַלבע צענט", וואָס אויך דאָרט, אין דעם שמוץ פֿון די ווילנער קאַנאַלן, וווהין דער תּלין האָט זיי פֿאַרטריבן, האָט אין „זייערע אָדערן גערוישט די צעשטערנטע וועלט".